STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05104

HA-TORAH VEHA-DAAT SEFER BERESHIT

Yehudah Leyb ben Meir Gordon

Permanent preservation of this book was made possible
by Mrs. Charles Helfand
in memory of
Israel & Bluma Polon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

התורה והדעת

ספר בראשית

מתורגם בלשון עברית אשכנזית וגם מפרש את
המקראות על דרך הפשט ומאחד את תורת
משה עם תורת שבעל פה ועם
הפילוסופיא הישנה והחדשה. ונוסף
עוד ביאור ריל"ג המפרש את
פירוש התורה והדעת בלשון
עברית אשכנזית. וכמוהו
לא היה.

מאת

יהודה ליב ב"ר מאיר גארדאן

מחבר סדור ההיסטורי בית יהודה ושבט
מיהודה וצדה לדרך הוא מעבר יבק.

שנת ניו יארק תרפ"ד

בדפוס המשובח „לעוואנט פרעס", 138 2-טע סטריט, נ. י.

ציון לנפש בני

הבחור ירחמיאל ב"ר יהודא ליב גאָרדאָן

אשר כל ימיו הלך בדרכי התורה והדעת אף כי היה עורך־דין
בעיר מיאַמי, פלארידא. הוא נקטף בדמי ימיו י"ז לחודש
מנחם אב, שנת תרפ"ג, והובל לקברות בעיר אַטלאַנטיק סיטי.

אָביו המתאבל עליו כל ימי חייו,

המבאר

Copyright 1924
By
J. L. GORDON

הקדמה לביאור התורה והדעת

זה יותר מארבעת אלפים שנה אשר ספו ותמו מעת נתנה לנו התורה על הר סיני, ואם דור הולך ודור בא אך התורה לעולם עומדת, לא סר טעמה ולא כהתה עינה, זהרה כזוהר השמש משליך ניצוציו רבי רבבות והיא כמים אשר אין להם סוף, וכל יושבי תבל ושוכני ארץ באים לשאוב ממי התורה, כי כולם רעבי תבונה וצמאי מדע, יותר משש אלפים תרגומים נתחברו לתורתנו הקדושה וכפלי כפלים לה פרושים ובאורים בכל שפה ושפה ובכל לשונות קדם וערב, ותהי לנס עמים ולדגל הגוים, אשר כולם הביאו מנת חלקם אשר עשו בשער המדעים ויצברו גל הרים גבנונים ומגדל שנער לבנות היכלי פירושים ומשכן לכבוד ה׳ וחדרי באורים עמוקים ויסודות חזקים זה בכה וזה בכה. ולא לבד החקים והמצות אשר היו נר לרגלם ואור לנתיבתם כי אם כל הספורים שהובאו בתורתנו היו להם כפנינים יקרים, וחוקרי קדמוניות אשר השיבו פניהם אחור לדעת מה שקדם להם בזמן, חדרו במטמוני התורה, להבין גם את הזמן הנוכחי, ואחרי אשר ערפלי אידים ועננים מכסים התבל העברה וכל דורש חוקר וחופש ימשש כעור באפלה וכל החכמות והידיעות בלי קץ לא הועילו למצא את האמת, ולא בא מרגוע לנפשם עד שזכו לחקור את תורתנו הקדושה וכמעט כולם הודו כי אצבע אלהים בה ניכר לכל ידעי פשטיה, יען שהיא איננה כתורת הגוים הקדמונים כמו המצרים וההודים, הפרסים והיונים ודומיהם, אשר העלימו אשר ידעו מעיני ההמון, ושמו לפני בני עמם מאמיניהם אך דברי הבל ושוא ותורתם הנעלה קראו בשם **מסתורין** (מיסטעריען — געהיים-לעהרע), ותורתנו הקדושה היא ההפך, כי בה אמר אדון הנביאים „לא בשמים היא ולא מעבר לים" וגו׳, כי ידועה ומפורשת ושום שכל היא לכל מי שיש לו מח בקדקדו, כי האמת איננה לוטה בחשך ועלטה, כי רק חיתו ארץ תרמוש בלילה אך בזרוח השמש יאספון, והאמת לא תפחד מעין האור, וכן אמר נותן התורה „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים", כי גלוים וידועים כל דבריה, ואת אשר אנחנו לא יודעים באיזה מקומות את הפשט היא יען אשר חסרה לנו ידיעת הלשון וקורות ידיעות קדמוניות בכל המדעים שהיו להם אז בזמנם, וכן לא יבינו נכדי נכדינו את הספרים שנכתבו היום בזמננו, אף שאנחנו יודעים אותם בברור בכל פרטי הקורות. ולכן כל מי שרוצה להגות בתורה ישתדל לחקור בחקירת ידיעות הלשונות הישנות והקדומות, תורותיהם גם הבליהם יחד לדעת מצב האומות וקורותיהם מתוך ספרי העמים הקדומים כמו המצרים, הבבלים, ההודים, הפרסים והערבים וכדומה, וגם ההגדות אשר בפי העמים הקדומים, מנהגיהם הן בעניני מדינה והן בדת, מעשיהם, משפטיהם ומלבושם, שבתם וקומם בבתיהם וסדר מלחמותיהם, וגם המסעות שלהם, לחקור שרידי מצבותיהם ובניניהם, ולמודי חרטומי מצרים, הודים ואשורים ועריהם, נינוה ופרס וצור וכל עמי הכנענים, וגם לחקור בענינים הטבעיים ובחכמת ההנדסה

ונתוח ובחכמת מהלך הכוכבים. — והנה מימים הקדמונים היו דורשי חמורות וסתומות בתורתנו הרבה מאד. ואם תשאל, הלא חכמי התלמוד הניחו לנו פירוש לכל המצוות בדקדוקיהן ופרטיהן, ומה לנו לחקור בחקירות אחרות, נלמד תורה שבעל פה אשר היא פירוש לתורה שבכתב והשאר נניח על מקומו? אולם דע לך שגם חכמינו ז"ל אמרו בעצמם הדרש תדרוש ואין המקרא יוצא מידי פשוטו, והדרשות וההגדות אין מקומן בביאור התורה ואנחנו מחיבים ללכת בדרכי חז"ל בעניני דין והלכה, ומה נעשה לחלק הגדול מתורתנו שאינו כולל איסור והיתר וטוען ונטען אלא תורות וקורות עמנו, אפשר ספר תורה חסר אות אחת? ומבראשית עד החודש הזה לכם לא תמצא כי אם מצות אחדות. ומי יבאר לנו את הנשאר? וגם ספרי שמות, במדבר ודברים אינם כוללים דינים לבד. והדינים וההלכות מפוזרים המה בסעיפי תורתנו וכל הנשאר למה לנו נתנה. ומה שעל הדינים וההלכות שהם החלק הקטן מתורתנו עשו רבותינו ז"ל פירוש שאינו נכלל רק במשנה וגמרא וברייתא וספרי וספרא, על אחת כמה וכמה יגדל הפירוש על החלק הגדול, ומי יאמר ח"ו שהיא שלא לצורך, ואין ספק שיש בהם דברים הרבה הנתונים לתועלת בני אדם ומה גם לעם ישראל אשר אנו חיים על כל מוצא דבר ה' וכל אות שבתורה קדוש היא לנו עד שאנחנו מקדשים שם שמים ונעלה לעולה כליל על מזבח ה' באהבתנו את התורה.

אמת שכל המדעים עוד לא הפיצו אור שלום וגם הלומד את התלמוד לשמה יראה בהדיא שהיו חכמינו ז"ל בקיאים בלשונות הקדומות, כי גם לשונם מעורבת ממלות סוריות, ערביות, יוניות ופרסיות, והיו בקיאים בחכמת ההנדסה ובחכמת הפילוסופיה כפי שהיתה בימיהם גם היו דורשים בטבעיות, ואחריהם כמו הגאונים הרבו לחקור בשאר המדעים כמו הראב"ע והרמב"ם והרמב"ן והרי"א ורבנו בחיי והרשב"ם והראב"ש תלמיד הרי"ף ז"ל והרא"ש. והחכם יש"ר מצא מאה וארבעים ושמונה פירושים, וישאל השואל, ומה לנו עוד פירושים חדשים לבקרים, האם לא די לנו אלה אשר ישנם היום ומה גם שלא זיכנו מכל הפירושים האלה להבין את כל סודות התורה ועל כן הכבד ושב, וצדיק באמונתו יחיה. — אך דע לך קורא משכיל שלא כימים הראשונים הימים האלה. אין עוד הצדיקים אשר חיו באמונתם, כי בימים האלה קמו מבקרים חדשים לבקרים מהמתפרצים, פורקי עול התורה, וריב ומצה עלתה בין תופשי האמונה, ורועי עדרי ישראל במבוכה גדולה, יען כי רבים מחבלים את כרם ה' צבאות. אלה יבוזו לתורה ואלה יבוזו לחכמה. אלה הפורקים עול, ואלה מעמיסים פתיות, אלה יאמרו שהתורה נתנה רק לדורות ההם ולנו אין חלק במשה ובתורתו ואין לנו כל חוב על הדברים אשר היו לפנינו, ולאלה צר להם להפרד מן התורה הישנה ומחו ממנה שמירת שבת ואכילת חזיר ונבלות וטרפות, שעטנז וכלאים, ועוד כמו אלה ויחדשו את התורה לפי רוחב ויקראו את עצמם בשם ריפורמים וגם השליכו ארצה את כל ספורי התורה אשר בשכלם לא ישיגו אותם וגם קמו כתות מכתות שונות אשר יכחישו את התורה עם משה ובנו יחד. אלה בלא אמונה כלל ואלה באמונה אחרת. אלה מקשים שלא היה הכתב בימי משה ואיך יכלו לכתוב ספר בזמן ההוא, ובאמת ידענו מכל ספורי

הקורות שבימי משה היו חכמים רבים באזיא ובמצרים והכתב היה נהוג בימיהם, כבר היו חרטומים כותבי הירוגליפים, וכבר עשו בגדי שש אשר כתבו עליהם, כידוע מהחנוטים (מומיען) אשר נמצאים היום המובאים ממצרים, גם בא הכתב הראשון מצור, ולפי הרב ר׳ יעקב בכרך היה אברהם אבינו ממציא את חכתב (עיין בסדורי בית יהודה דפוס ווילנא ודפוס העתון מארגען־שורנאל בניו יורק). וגם היונים בימים ההם ידעו את הכתב, ולפי עדות **סנחוניתון** שכתב שצדוני הביא את הכתב לאירופא במאה העשירית אחרי המבול, כי לפני משה לא נמצא שום רמז מהכתב זולת החותם שהיה ליהודה, גם רואים אנחנו שכל הנביאים וספריהם שנכתבו אחר משה מביאים ספר תורת משה כספר הידוע אצלם. גם רואים אנחנו שכל המצות לא נכתבו אלא בשעת הצווי במדבר כפי הוראת מעשה שהיה, ולו אחרון כתבום היה מסדר אותן בסדר ומשטר.

ואלה האומרים שכל התורה כתב עזרא הסופר או הכהנים בימי יאשיהו המלך נשאל מהם מדוע מקשים על התורה לבד ולא על ספרי יהושע, שמואל מלכים, הלא הובא בהם ספר תורת משה, ומי המה עמי־הארץ אשר לא יבינו את סגנון הלשון והמליצה של עזרא הסופר אשר בימיו ירדה השפה העבריה עשר מעלות אחורנית נגד סגנון הלשון וצחות המליצה של תורתנו הקדושה ובימי יאשיהו לא היתה התורה נשכחת לגמרי אלא שיאשיהו קרע את בגדיו על דברי התוכחה. ומה יאמרו המבקרים על השאלה הזאת, האם היה עזרא הסופר במצרים בימי משה והיה בקי בכל מנהגי מצרים לדעת לכתוב תורה כמשה אשר היה בן לבת פרעה, אין זאת כי אם אדון הנביאים רוח אפנו הוא כתב את תורתנו הקדושה מפי הגבורה עת ירד ה׳ על הר סיני, וכעדות הכתוב, בכל ביתי נאמן הוא, וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל על פי ה׳ ביד משה, ולא חלו בה ידי זרים, ומעולם לא סר טעמה ולא בלתה מזוקן, ולא תהיה תורה אחרת מאת הבורא ברוך הוא, ולכן לאלה פורקי עול התורה, והמבקרים החדשים אשר המה רק כזבובים המבקרים בפצעים ויחפשו חופש מחופש אולי ימצאו פצע או חבורה בתורתנו הקדושה והטהורה, ולכן גמרתי ללכת אחרי הקוצרים וללקט שבלים אחרי העמרים, המה הגאונים הגדולים החכמים והפילוסופים כהראב״ע והרמב״ם והרמב״ן והרי״א ובעל מעשה ה׳ ובעל מלחמות ה׳ והכתב והקבלה והמלבי״ם ז״ל ומחכמי אשכנז כמו החכמים צונץ, יאסט, זאקס, פיליפסאן ושד״ל והרב מדעסוי וגם מחכמים ופילוסופים מחכמי העמים ומהפילוסופים היותר קדומים אשר חי בזמן גדעון השופט וגם מהקדומים מהם, ואספתי הרבה מנהגים מעמים שונים אשר חיו בזמן אבותינו אברהם יצחק ויעקב, וגם דעות כל החכמים המפורסמים כמו טאציטוס, הריודוט וסנחוניתון ומהרבה חכמי המיתולוגיא ממצרים, כנען, בבל ופרס ומהבלי אליליהם, וגם ממנהגי הערבים אשר חיו בזמן אבותינו. והנני נותן לפניכם היום קוראים משכילים את באורי על תורת משה בשם **התורה והדעת** למען דעת שהתורה והדעת הולכות משולבות יחד ולא תעבטנה אורחותיהן כי התורה והחכמה אחת היא. וגם הספתי על האחרונים פשטות הפסוקים האלה

בתרגומי על התורה ומה גם מספורי תורתנו הקדושה אשר עד כה היו כספר החתום והיו בעיני ההמון כדברים אשר לא אמנו ולמעלה משכלם.

ואם אמנם שתורתנו הקדושה נחלקת לחמשה חלקים. החלק הראשון הוא מעשה בראשית וקורות התבל בכלל. החלק השני קורות עם ישראל בפרט עד מות משה רבנו. החלק השלישי הם דינים והלכות חוקים מצות ומשפטים. החלק הרביעי הם מאמרים נשגבים בענין אלהות ויתרון האדם. החלק האחרון הן הנבואות שנבא משה רבנו ע"ה. ואני לא באתי בבאורי זה לפרש הדינים וההלכות והחוקים והמצות והמשפטים. בהמאמרים הנשגבים בענין האלהות כתבתי אך מעט מזער לפי השגת שכלי הקטן ולפי הלקט אשר לקטתי מהיותר גדולי הפילוסופים. אך לא את הדינים וההלכות, כי איך אהין אני זוחל עפר להתחרות עם גדולי המפרשים אשר אינני ראוי גם להתאבק בעפר רגליהם. — אך מגמתי בבאורי זה על המעט מקורות התבל ומעשה אבות וקורותיהם וקורות עם ישראל בימי התורה, ולבאר את פסוקי התורה לפני אלה המתחכמים האומרים שמעשה בראשית וספורי התורה הם למעלה מבינת אדם וכלם הם נגד חוקי הטבע, ובאמת שחכמי הטבע האחרונים העידו יחד שאחרי כל החקירות והדרישות ואחרי כל מה שידעו מקורות הארץ ומכל הליכותיה ומכל חכמת הארכיאולוגיא אין לבאר מעשה בראשית באופן אחר כפי מה שכתוב לפנינו וכל ספורי האבות הם אמת וצדק כפי חלק ההיסטוריא מהעמים הקדמונים שהיו בזמנם. ואין בכל הפסוקים והספורים שום נפתל ועיקש, ואם אמנם שאין המקרא יוצא מידי פשוטו, אך לא נוכל להכחיש שיש בכל ספור משלים ורמזים, אך לא כרמזים מחכמי השתיקה ומבית מדרשו של פילון היהודי וכת האסיים וקבלותיהם מההודים והיונים שחיו בזמנם עד שכמעט שכפרו בכל המצות המעשיות והאמינו שכל התורה אך על רמזים יסודה והאבות והאמהות וגם משה רבנו לא היו ולא נבראו רק משל הם וכל התורה היא רק רמזים רוחניים, ואצל ההילינסתים רומזים אברהם ושרה הם החומר והצורה ושנים עשר שבטי ישראל הם שנים עשר מזלות, וארבעת המלכים אשר נלחמו את החמשה הם ארבעה היסודות וחמשה חושי ההרגשה, ולא תחרוש בשור וחמור יחדיו פירשו לא תאחד שתי קליפות יחדיו (פרדס רמונים, שער הנשמה, וראה בענין זה בהרשב"א) וכל התורה לפי שכלם היא רק כוונה עיונית והשכלה רוחנית, ובאמת רמזי התורה הם רק לבעלי תבונה להבין דבר מתוך דבר ולמען כחש בהבלי הגוים ולדעת תורת האמת הנמשכים מהמשלים ושאין בה שום שמץ דופי ולשוא יטילו ספקות בדברי תורת משה. יעיין בה בשכל ישר וימצא שעיקרי התורה היא לדעת שאל אחד כח כל הכחות ועלת כל העלות קדוש ונורא מבלי ראשית ומבלי תכלה שהוא הבורא המנהיג והמשגיח בכל העולם כלו, בטרם כל יציר נברא הוא לבדו ואין יש מוחלט זולתו, הכל ממנו נחצבו ואליו ישובו, כל הטבע שומע בקולו, וכל הנמצאים ילכו אל מבוקשם אשר נתן אלהים, ואף שהברואים שונים זה מזה אין שני דברים שים בעולם כלם לתכלית מה בראם, כלם משולבים איש אל אחיו, וכלם מסבבים לתכלית רצונו של מקום שהוא המסבב ואינו מסובב, שכל הטבע הוא כגוף האדם שכל אבריו שייכים זה לזה והנשמה שהיא חלק אלוה תחיה את כלם, כן כל התבל כלה

וכל היקום אשר בה כלם ילכו בשם שליחותם אשר נתנה להם מאת הבורא והוח הגדול ונשמת כלם אשר תנהגם הוא אלהים, וכל אומה ולשון יעשה מה שיעשה לקנין השליחות, והשליחות של עם ישראל היא להיות סגולה מכל העמים להפיץ תורה ודעת אלהים באמונה האמתית לכל יושבי חלד, ולכן אך המה עשו יד ושם בתורת ה׳ והיא שעמדה להם להאריך ימיהם להיות קיימים עד היום הזה, והעמים אשר כבר עשו שליחותם אבד זכרם מקרב הארץ ועם ישראל המפיץ תורה לא ימוש זכרו מפי יושבי חלד, כי אך העם הזה הוא עמוד העולם המחזיק את האמת. וזה הענין היותר גדול שבתורתנו שכל עניני הטבע והמדינה, הדת והמשפט, המוסר והאמונה, כלמו אחד, כלמו מפי עליון יצאו, כלמו נאחזים נשלבים ונצמדים זה בזה. וזהו הענין הגדול שנקרא אצלנו אחדות השם ולנו להתדבק במדותיו יען שכל עקרי אמונתנו המה האמת והאהבה, כח השכל, כח רגשות הנפש הראש והלב, ואליהם יכונו כל החוקים והספורים וכל עניני תורתנו, ואין לנו להביט על לצני הדור השופכים בוז על התורה ולהעטלפים אשר לא ראו אור, אשר אין ברצונם להשיג תורת חיים. יאקוה לבורא שיפקח את עיני אלה המכחישים אשר יעיינו בבאורי התורה והדעת וגם לאלה אשר אינם מבינים בלשון הקודש אם ילמדו את באורי ריל״ג אשר כתבתי בשפת עמנו שפת זשארגאן, אשר הבאור הזה כולל את באורי התורה והדעת למען דעת כל עמי הארץ אלה אשר האמת היא שכלם לבד ואמונתם היא תאותם ובזה הם מאמינים לעולם, אך לא את אשר מכרם ה׳ צבאות ולא מחכמינו ז״ל כי אם מהפילוסופים אשר אינם מבני עמנו אשר אינם יודעים מתורתנו הקדושה מאומה בהם יאמינו לעולם. ולכן אספתי גם מהם והפילוסופים היותר גדולים אשר חיו בזמן האבות ובזמן התורה ובזמני חז״ל ובזמני הגאונים וגם מאלה אשר יחיו גם בזמננו והעתקתי את דבריהם בבאורי התורה והדעת ובבאור ריל״ג אשר זה שמי וגם תרגמתי את התורה בשפה המדוברת בלשון צח ונקי למען יבינו כשפחה כגבירה, כמשכיל כאינו משכיל. ואבקש את בוראי שימצאו את באורי אלה חן בעיני אלהים ואדם ושלא אכשל ח״ו בתורה שלא כהלכה ושלא יהיה חלקי מהמעקמים פסוקי התורה למען יושג חפצי דרישתם, כי ה׳ הוא היודע ועד שכתבתי את באורי אלה רק להסיר לזות שפתים מאלה המתחכמים והמבקרים הדורשים אחרי מומים בתורתנו ובאמונתנו הקדושה והטהורה. ויהי נועם ה׳ עלי וירצה את פועל ידי ויזכנו להביאנו לציון עירנו לקיים שם את כל דברי התורה כמצווה עלינו מפי בוראנו. אמן.

מודעה לחוקרים ולמבקרים

אם אמנם שאין ראוי לחוקר ולמבקר להוציא את הכתובים ממשמעותם כדי להסכימם עם החכמות הטבעיות, כמו שאין ראוי לחוקר שיכחיש בתורה מן השמים אם ימצא בספוריה דברים בלתי מסכימים עם המחקר הטבעי, והתורה לא נתנה אלא להיישיר בני אדם בדרך צדקה ומשפט, ולקיים בלבם

אמונת היחוד וההשגחה. אך לא כימים הראשונים הימים האלה: בימים הראשונים היתה האמונה בה' ובתורתו לכל עם ישראל ולא בקרו ולא חפשו בה מגרעות וצדיק באמונתו חיה, כי היה מאמין בכל התורה והיה איש תם ובאמת לא נתנה התורה לחכמים לבדם אלא לכל העם, והבריאה בעצמה איננה מסופרת בתורה בדרך פילוסופיא, ואמרו חז"ל להגיד כח מעשה בראשית לבשר ודם אי אפשר, לכן דברה התורה בלשון בני אדם כמו ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר או ריח נחוח לה' או יחרה אפי, ונתתי פני, אל קנא, או ויתעצב אל לבו, ורבות כאלה. ולכן ראוי לכל חוקר ומבקר שיתבוננו בפנימיות לבב בני אדם ובדרכי החכמה שהטבע נוהג בהם בדברו בלבו של כל אחד ואחד, לנער על פי דרכו, ולבחור בדרך אחרת, ולזקן בדרך אחרת, ולחזק על פי דרכו החזקה, ולחלש בדרך מיוחדת, ולעשיר בדרך אחת ולעני בדרך אחרת, כי לכל כתות בני האדם הטבע מדבר בלבם בדרך פרטי הראוי לכתה שלו, ולא גלה הטבע לשום אדם את האמת ערומה בלא מסוה ובלא לבוש והאל אשר נתן לנו את התורה והאל אשר ברא את הטבע אל אחד הוא ובדברו עם בני אדם הוצרך לדבר כפי מדרגתם ולא כפי מדרגתו יתברך שמו. ורצון הבורא היה להודיע לבני אדם אחדות העולם ואחדות המין האנושי כי הטעות בשני הענינים האלה גרמה רעות רבות כי מהעדר ידיעת אחדות העולם גרמה בימי קדם מציאות אלהים פרטיים חזקים ובעלי מגרעות, ועשו מעשים רעים אשר לפי השערתם היו לרצון לפני אלהיהם, ומהעדר ידיעת אחדות המין האנושי נמשך השנאה בין אומה לאומה, ואחדות העולם ואחדות המין האנושי הם המכוון הכלול בספור מעשה בראשית ומכל התורה כלה. ואם אמנם שפרשתי לפי ידיעתי המצערה ולפי אשר לקטתי ממפרשים פילוסופיים להסביר את העם את התורה בדרך מדעית וטבעית לבלי יהיו מקטני אמונה או בלי אמונה כלל, אך לחוקרים ולמבקרים אנכי נותן את המודעה הזאת שבאם אינם יודעים את הטבע כלו בכל פרטיו, טבע העולם בכלל וטבע האנושיות בפרט, לבל יהינו לבקר ולהפש מומים בתורתנו הקדושה והטהורה, כי אי אפשר שום אדם בעולם לבא אל תכונת אחדות בורא הטבע עם אחדותו, לבד איש האלהים משה רבנו אשר לא קם כמוהו, אשר עליו אָמרה התורה בכל ביתי נאמן הוא. אלא כל אחד ילמוד את התורה לפי מדרגתו ושכלו והיא תהיה למשיבת נפש לכל ההוגה בה עד אשר ימים יבאו שהתורה תהיה לפרסום לכל יושבי תבל ושוכני ארץ ותמלא הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים אמן ואמן.

אזהרה

אנכי מזהיר לכל אדם שאין רשות לשום אדם להדפיס מחברתי זאת בלתי רשיוני לא במדינה זו ולא במדינה אחרת. חוץ שאזכירם חומר איסור דאורייתא לשמור את נפשותם מקללות הר עיבל אָרור האיש אשר ישיג גבול רעהו, אלא עוד שאסירם באיסור חוק המדינות. ולהשומע יונעם ותבא עליו ברכות טוב.

הקדמה

הספר הזה נשלם

בתשעה ימים לחודש אייר שנת תרפ"ג בעיר וויינלאנד, מדינת ניו-דזשוירזי, אמריקה הצפונית, בבית ידידי החכם החוקר האלהי הבלשן המפורסם אשר ידיו רב לו גם בתורה שבכתב ותורה שבעל פה, הרופא חולים ד"ר נתנאל גרינוואוד יחיה, שלום לו ולכל ב"ב.

ואזכור לטוב גם את ידידי היקר ר' צבי הירש אגראנאָווסקי השו"ב דעיר הזאת עם כל משפחתו יחיו.

איינלייטונג צום באור ריל״ג

זינד גרויש שפאניען ביז היינטיגען טאג, מעהר אלס פיער הונדערט יאהר, האט די וועלט גענומען אנדערע ווענדונגען בנוגע צו אונזער תורה. די וויסענשאפט און די פילאסאפיע דער גאטהייט וואס האט עקזיסטירט און יענער צייט איז כמעט פארשוואונדען, און די וועלט האט גענומען לערנען אונזער תורה נאר די זייטע פון פשטות. און אנדערע זיינען אריבער איהר צוים און האבען איהר געלערענט אלס א תורה, וועלכע באשטעהט נאר פון רמזים און סודות און האבען דעם פשט אין גאנצען פארוואָרפען, און די ביידע צוזאמען האבען פארוואָרפען די וויסענשאפטליכע זייט פון אונזער הייליגע תורה, וועלכע האט עקזיסטירט אין די מיטעלעלטער צייט מיט איהר פילאסאפיע און הומאניטע צוזאמען. פארוואָרפען האבען זיי דאס אלעס הינטער זיך ווי א זאך וואס דארף שוין קיין מאהל צוריק קומען, און די, וועלכע זיינען ניט געווען צופרידען אויך מיט דעם פשט, דענקענדיג אז דער שכל טראגט ניט און די לאגיקע האלט ניט אוים דאס אלעס, וואס עס איז געשריבען אין אונזער תורה, און זי איז ניט מעהר ווי אן אליגארישע לעהרע וועלכע לויט אונזער נייע צייט דארף זי מעהר ניט עקזיסטירען, און אזוי ווי אלע זיך זעלבסט גענאנטע פריידענקער, וועלכע גלויבען ניט אין קיין גאט, קענען דאך זיך ניט צופרידען שטעלען מיט גלאט גארנישט און מיט אלעס מעגען, דען אז אלעס מעג מען, און אז אלעס איז ערלויבט, פארלירט די תאוות דעם גאנצען געשמאק, דען דאס איז נאר ליעב אין געשמאק דאס וואס מען טאר ניט. אזוי ווי עס איז ליעב דאס וואס מען האט ניט. און ניט ווילענדיג האבען זיי גענומען זוכען אין דעם ניט גלויבען אין גאט עפעס אזא גאט, וועלכער זאל דאך פארצאמען דעם לעבענס וועג מיט געזעצע, וועלכע עס זאלען אויך ניט טארען, דען עס איז ניט גענוג דורכאוים א פארקערפערטער לעבען אן עטוואס גייסטליכעס צום דענקען אום צו זיין פארצווייפעלט אויב עס איז יא אדער ניט, און די ווילינגסקראפט פון איבערצייגונג יעדער פריידענקער וואס וויל איבערצייגען איינער דעם צווייטען, דאס עס איז ניטא קיין גאט, דאס איז זייער איינציגער טרייסט וואס זיי איז פארבליבען פון דעם אלער העכסטען גייסט, וועלכער איז העכער פון זייער קערפערליכען לעבען, — און דאס איז א כלל, אז א פארבלאנדזשעטער וועלכער האט זיין וועג פארלארען און זעהט ארום און קיין הויז וואו אריינצוקומען, און אז ער הערט, אז עס בילען הינט האט ער א סימן, אז ערגעץ ניט ווייט איז דא א הויז. מיר האבען אויך דעם סימן, דאס אז מען בילט ווי הינט אויף גאט און די תורה איז דאס אליין א גענוגענדליכער בעוויז, אז עס איז דא א גאט מיט א תורה, זאנסט וואלטען זיי דאך ניט ריידען אויף גאט און ניט דעבאטירען מיט טרוקענע און אונוויסענדע ניט לאגישע ארגומענטען. און דער טהייל

דענקער, וועלכע זאָגען אַז די תורה איז נאָר געבויט אויף רמזים און סודות און ניט קיין איינפאַכען פשט, נאָר רוחניות, גייסטיגעס, הימעלשעס, וועלכע האָט גאָר ניט וואָס צו טהאָן מיט אונזער ערדישען לעבען און קיין לאָגישע וויסענשאַפט ענטהאַלט זי גאָר ניט אין זיך וואָס דער מענש־ליכער שכל זאָל דאָס בעגרייפען. דארום איז אונזער תורה געבויט אויף די צוויי זיילען, וועכע הייסען אמת און אמונה. די ערשטע איז אמת, וואָס די חושים און דער שכל איז זי יאָ משיג, נאָכהער קומט אמונה, וואָס דער פערשטאַנד דערגרייכט ניט דאָס צו בעגרייפען, בלייבט נאָר אין דעם צו גלויבען און צו האָבען געגוג פערשטאַנד צו פאַרשטעהן, אַז אין יאָ פאַרשטעהן קען דאָך אויך געבען ניט פאַרשטעהן, און אַז איך פאַרשטעה ניט קען דאָך געבען, אַז אַ צווייטער פאַרשטעהט דאָס יאָ, איז פאַר דעם ניט פאַרשטעהער מוז בלייבען אמונה און ביי דעם פאַרשטעהער איז די אמונה שוין אמת. ווייל ער פאַרשטעהט דאָס וואָס יענער פאַרשטעהט דאָס ניט. און ווייל די ניט פאַר־שטעהער ווילען ניט צוגעבען, אַז זיי פאַרשטעהען ניט און זוכען גאָר צו אי־בערצייגען, אַז דער פאַרשטעהער פאַרשטעהט גאָר ניט, און דער אמת איז גאָר קיין אמת ניט איז ווען די פאַרטייען קומען צוזאַמען מיט דעבאַטעס חקירות און איבערצייגונגען, קומט אַרוים ניט מעהר ווי מלחמות און אייביגער האָס זאָגאָר צווישען פאַטערס מיט קינדער, און דערפון האָבען זיך געבילדעט פאַר־טייען פון אונגלויביגע, רעפאָרמער, און אַטהעאיסטען, ווייל די אַלע האָבען פאַר־וואָרפען הינטער זיך די אַלטע פילאָסאָפישע לעהרען, וועלכע זיינען טויזענ־דער יאָהרען געדעבאַטירט געוואָרען דורך זוכענדיג דעם ריינעם אמת, און האָ־בען צוגעגעבען איינער צום צווייטען אָהנע גייסטיגע עגאָאיזמוס ביז דער אמת האָט געזיעגט, וועכער האָט אַנגעהאַלטען ביז גרוש שפּאַניען. די העכסטע בליהענדע צייט פאַר פילאָסאָפיע דער גאָטהייט, וועלכע האָבען פּאַראייניגט תורה מיט חכמה צוזאַמען. נאָר אַזוי ווי יעצט זיינען גאַנץ ווייניג דאָ אַזעלכע וואָס שטודירען די אַלע אַלטע לעהרען, ווייניג געהען אַריין אין דעם גאָרטען פון די אַלטע פּפלאַנצער צו געניסען די וויסענשאַפטליכע פרוכט פון רמב״ם, רמב״ן, ראב״ע, רלב״ג, רי״א רבנו בחיי, און נאָך אַזעלכע ווי אויך די פילאָ־סאָפיע פון די לעהרע וואָס די חכמי העמים, וועלכע זיינען ענטציקט פון די הערליכקייט פון אונזער תורה און זיי זיינען אַלע מודה. אַז עס פעהלט זיי שפּראַך און פּאָעזיע אויסצודריקען און צו באַשרייבען די הערליכקייט פון אונ־זער תורה מיט איהרע פאַנעטרעגער, וועלכע זיי ביידע זיינען געקניפּט צו־זאַמען צו די אַלערהעכסטע געטליכקייט, און אַזוי ווי אונזער פאָלק ישראל האָבען אַנגעפאַנגען ניט מעהר ווי פאַר דער געגענוואַרט, און זוכען ניט זייער פערגאַנגענהייט, און די פערגאַנגענהייט פון די גאַנצע וועלט זינד בריאת עולם, און געזוים ניט די תורות פון די פּאַרצייטיגע נאַציאָנען צו קענען דעם אונטער־שיעד מאַכען פון די אַלטע תורות, וואָס די אַלטע פעלקער האָבען געהאַט געגען אונזער תורה הקדושה, און ניט וויסענדיג די מיטאָלאָגישע לעהרען און די מיס־טעריען פון די אַלטע נאַציאָנען קענען מיר קיין שום בעגריף ניט האָבען אין

די ערהאַבענהייט פון אונזער תורה און ניט פיהלען איהר אונענדליכען און אונשטערבליכען צוקונפט, און אויך ניעמאַלס קענען פאַרשטעהן די אזהרות עשה׳עס און לא תעשה׳עס פון אונזער תורה. און דאַרום איז אונזער תורה ביי מעהרערע ווי אַ פאַרזיגעלטע לעהרע וואָס אָדער מען עפענט איהר גאָר ניט אָדער ווער ע סעפענט פאַרשטעהט ער ניט וואָס דאָרט איז געשריבען, וואָס דערפון האָבען זיך געבילדעט פערשיעדענע פאַרטייען מיט פערשיעדענע מיינונגען איבער תורת משה און קענען קיין מאָהל צום אמת ניט קומען, וואָס דאָס איז ניט מעהר ווי די סיבה וואָס מען האָט ניט געשטודירט די אַלגעמיינע רעליגיעזע לעהרען פון די גאַנצע וועלט נאַציאָנען פון באַלד זעקס טויזענד יאָהר.

דאַרום איז אומריכטיג צו פערשטעהן אונזער הייליגער תורה, איהר קולטור, און איהר היסטאָריע, מיט אַלע אזהרות, עשה׳ס און לא תעשה׳ס, דינים, חוקים און משפטים. איהר מאָראַל און הומאַניזם מוזען מיר אַמווייניגסטען וויסען די גרינדע פון די אַלטע תורות פון בריאת עולם ביז תורת משה, אין די צייטען פון משה רבנו, זייערע לעהרען אין די גאָטהייט, די פרינציפען אויף וואָס די לעהרען זיינען געבוים געוואָרען אום צו פאַרפיהרען פעלקער און צו פערדערבען נאַציאָנען, און פאַרטרינקען די וועלט אין זומפען פון שמוציגע תאוות וואָס די אַלע זיינען געווען געגרינדעט אויף פאַרפיהרונג און שווינדעל פון זייערע גייסטיגע פיהרער, זייערע כהנים, און פון דעם אַלוועלטליכען שקר וועט איהר דאַן דערקענען דעם ריינעם אמת פון תורת משה.

דאַרום אום צו מאַכען אַ בעגריף פון מעהרערע אַלטע תורות, און אום צו מאַכען אַ פאַראַלעל זייערע געגען אונזער הייליגע תורה צו זעהען דעם ריכטיגען שיין און הערליכקייט פון אונזער גאָט מיט די תורה גיב איך אייך דאָ איבער מעהרערע גרינדע פון אַלטע רעליגיאָנען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאַר און אין די צייטען פון משה רבנו צו איבערצייגען דאָס ווען ניט אונזער תורה פון וועלכע שפעטערדיגע נאַציאָנען האָבען פון איהר אָפגעריסען צווייגען און פאַרפלאַנצט אַנדערע תורות. איז ווען ניט די תורה וואָלט פון די אַלטע וועלט וועלכע האָבען געלעבט לויט זייערע תורות און וועלכע זיינען נאָר געווען פאַרבונדען מיט שמוץ פון זנות און מיט מעהרערע עקעלהאַפטע מעשים, וואָלט פון די אַלטע וועלט קיין שריד ופליט געבליבען, און נאָר אונזער תורה האָט אָפגעהאַלטען דעם שטראָם פון די וועלט פאַרניכטונג, און דאָס זיינען אין קורצען די גרינדע פון די פאָלגענדע הויפט פעלקער: הודיים, עגיפטער, כינעזער, פרסיים, כנענים (פיניקער), יונים (גריכען), און רומיים.

זאַגען, לעגענדעס און ערצעהלונגען ווי אויך רעטענישען געפינען מיר אין די אַלטע פאַרצייטיגע ביכער און תורות, וועלכע זיינען געהאַלטען געוואָרען אין געהיים ביי זייערע כהנים. די אַלע סיפורים זיינען געווען אויסערליכע קליידונג אויף אינערליכע געדאַנקען, וועלכע מיר רופען דאָס אַלעגאָריעס, די אינערליכע זיינען געווען אָפגעזונדערט פון די אויסערליכע ווי די קערנער פון די מעקענע (שאהל) און די אויסערליכע האָבען געדיענט צו די אינערליכע ווי די מעקענע צו די קערנער, און אַזוי ווי פון דעם קאָרן געהט אַרויס און פאַר-

דעקט איהם דער שאַלעכץ, אזוי איז צוערשט ביי די כהנים געבאָרען געוואָרען דער געדאַנקען, וועלכען זיי האָבען פאַר דער וועלט פאַרדעקט מיט דיקען שאַלעכץ פון מעשות, וועלכע זיינען בעשטאַנען נאָר פון קערפּערליכע אַנגעלעגענהייטען. מיר מוזען אויפמערקזאַם מאַכען דאָס ביי די געלעהרטע אין יענע צייט זיינען די סאַמבאָלען ניט געווען גערעכענט אַלס געטער (Fetische) פון וועלט באַשעפער, נאָר די טבע איז געווען זייער גאָט, און די דינונג צו איהם האָט געהייסען נאַטור רעליגיאָן (Naturreligion) אַ וויזען וועלכע זיי האָבען גערופען דער נפש פון דער וועלט, וואָס פון איהר האָט זיך געבילדעט די אַלע וועלט אויסגאַבען מיט אַלע איהרע געבורדען, און אַזוי ווי זייער שכל האָט ניט געקענט משיג זיין דעם הויפּט עצם פון די גאַנצע טבע האָבען זיי געמוזט צושפּליטערען די אַלגעמיינע קראַפט אויף קליינע איינצעלנע טהיילען לויט די נאַטירליכע געזעצע פון זייער ווירקונג אין דער וועלט, וועלכע איז פול מיט ענדערונגען פון העם עקזיסטענץ צום פאַרניכטונג, פון דעם זיין צו דעם פעהלען. און פון די צופעליגע אומוואַנדלונג פון איין זאַך צו אַ צווייטע האָט געאורטהיילט דער אַלטער גריכישער פילאָזאָף מעטראָדאַרוס Metrodarus דאָס גאָט איז נאָר דער גרונדסקראַפט אַליין און די ארויסקינפטיגע וואַנדלונג און די אומוואַנדלונג איז אין די קליינע קרעפטען. יעדערער אויף זיין פּאָסטען און ווירקונג אין דער טבע, זעלבסט פאַרשטענדיג, אַז אין אַזא אַנגעלעגענהייט האָט מען פאַרגעטערט די קלענערע נאַטירליכע קראַפט, וועלכע זיינען מעהר נויטיג צום עקזיסטענץ פון דער וועלט און פאַר די מענשהייט, דארום האָבען זיי געמוזט בעשאַפען אַזעלכע סימבאָלען וועלכע זיינען עהנליך צו זייער וואונש און עהנליך צו די זעלבע טבע וועלכע זיי דאַרפען מעהר נייטיגער.

און אַזוי ווי זיי האָבען געמוזט פאַראייניגען די גאָטהייט מיט די וועלטס געבורט Pantheismus האָבען זיי געדענקט דאָס גאָט בייט זיך און פאַרענדערט צו טויזענדער געשטאַלטען אַזוי ווי די געבורט פון דער גאַנצער וועלט באַשטאַנד, און דאָ זיינען זיי שוין געצוויטיגט געווען צו רופען זייערע סימבאָלען צו בעזונדערע נעמען לויט זייערע קרעפטען, און צו פעראייניגען די גאָטהייט צוזאַמען אין איין בעט מיט די געבורט־מוטער, ווייל נאָר אָט די פאַר פאָלק זיינען די הויפּט קרעפטען פון דעם אַלוועלטליכען זיווג, פון דעם שוואַנגערען און געבערען, ווייל די גאַנצע טבע איז דאָך נאָר דער געבערונגס קראַפט, און אויף דעם אופן האָבען זיך פון די קערפּערליכע לעגענדעס ענטוויקעלט די גאַנצע תורות, און די תורות צו טעמפעל דינסט און צו פאַרשיעדענע מנהגים פון פאָלק צו פאָלק און פון שטאָט צו שטאָט אַלס נאַאיווע לעהרען פון מעהרערע געטליכע פאַר פאָלקס אין דער אַלגעמיינער טבע, און צו יעדע געטליכע קראַפט האָבען זיי צוגעגעבען אַ זיווג, און עס איז גאָר ניט געווען קיין איין גאָט, וועלכער זאָל חלילה קיין ווייב ניט האָבען אָדער חלילה ער זאָל זיין אַ קינדערלאָזער (עקר), און זיינע קינדער זיינען אַלע געווען געטליכע קינדער לויט די טבע פאַמיליען. אין קורצען, די קראַפט זיינען געווען די פאָטערס, און די נאַטור זיינען געווען די מוטערס, און די אַלע געטליכע קינדער האָבען באַהערשט

די וועלט, און יעדערער האָט געאַרבייט אין דער טבע און איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען.

צום ביישפּיל, **צעוס** אויף לופט, רעגען און זונענשיין. **נימפים** איבער פעלדער, קוואַלען און טייכען. **פּוזידון** איבער דעם ים און איבער אַלעס וואָס אין איהם. **אתנה** איבער שטעדט. **הסטיה** איבער הויזליכען פייער, **הרה** איבער הייראַטה, **ילדת** איבער קינדער געבורט, **אַפּולון** און זיין זוהן **אַסקולאַפּ** איבער מעדיצין, **מאַרס** איבער מלחמה, **אַרטמיז** איבער געיעג, **הפסטוס** איבער פייער מאַכען, **הקטי** איבער מערק און גאַסען, **פּאַן**, דער גאָט פון פעלדער און גערטנער, **צרס**, איז ביי די גריכען געווען דאָס הייליגע מיידעל, די געטין איבער פעלדער שניידען, און **פּריאַפּוס**, דער זוהן פון **דיוניסוס** און **אַפּרודיטי** איבער גערטנער און פרוכט און פּו"ר בכלל, **דמטר** איז איבער נאַהרונג און שפייז, **דיוניסוס** איבער תאוה, חשק און נאַטור געבורט און עקסטראַ איבער וויין, **סבציוס** איבער געבערונגס קראַפט און עקזיסטענץ, ווי אויך פאַרניכטונג, **אַרש** איבער נאַטירליכע ליעבע, **הרמז**, דער זוהן פון **צעוס** און **מאַיאַ** די געטין פון די אַלגעמיינע וועלט געבורט, וועלכע האָבען בעשאַפען די צלמים פון די מענשליכע געבער גלידער (אברי ההולדה) Lingam אָדער Phillascultus צום צייכען איף די געבער קראַפט און נאַטור געבורט און דאָס איז דער סימבאָל פון דעם צלם, וועלכער איז עד היום פאַרבליבען ביי די קריסטען.

די כהנים, וועלכע האָבען פאַר דאָס פאָלק פאַרפאַסט די געטער לעהרע, האָבען איבערהויפּט אָן זיך אַליין אויך ניט פאַרגעסען און האָבען זייער אייגענעם יחוש אָנגעהאַנגען אויך אָן די געטער אום צו ווייזען זייערע גלויביגע זייער אָפּשטאַמונג און אינטעליגענציע און זייער גרויסקייט האָבען זיי אויף זיך אַליין געזאָגט דאָס זיי אַליין זיינען אויך די קינדער פון די געטער, און דאַרום האָבען זיי איינגעטהיילט זייער תורה אויך אין פינף טהייל און פאַר זיך גענומען דעם גרעסטען חלק. זייער ערשטער טהייל פון זייער תורה איז מעשה בראשית Kosmogonil דער צווייטער טייל איז די געטער געבורט Theogonie און די כהנים זיינען אין זייער מיטען. דער דריטער טהייל איז דער חשבון פון די צייט Chronologie. דער פירטער טהייל איז די געבורטען פון זייערע העלדען און די האָכווירדיגע מענשען, וועלכע זיינען אויך געבוירען פון די געטער Heroologie. דער פינפטער טהייל איז זייער פאָלקס היסטאָריע Particulage, schichte . אין דעם ערשטען טהייל האָבען זיי פאַרגרייזט דעם אמת. דער צווייטער טהייל איז דורכאויס שקר. דער דריטער און דער פערטער ענטהאַלט אין זיך עטוואָס אמת, נאָר זיי האָבען פאַרגרייזט אום אייגענוצען, און כמעט אַזוי איז אויך דער פינפטער טהייל אין וועלכען עס איז די הויפט באַרימעריי פון זייערע שליחות אויף דער וועלט, און זייערע אויסצייכענונגען, ווער אין מלחמות, ווער אין מוזיקע, ווער אין פּאָעזיע, און ווער אין סקולפּטור, און ווער אין אַרכיטעקטוריע, ווי אויך אין אַסטראָנאָמיע און ד. גל.

די הינדוסען (הודיים) האָבען פיעל רעליגיעזע ביכער, און זייער הויפּט

תורה הייסט **אעדא** און אזוי איז אין איהם געשריבען דער סדר פון מעשה בראשית. בעפאר וועלט בעשאפונג איז געוועזען נאר איין גייסטיגער עצם, ניט קיין יש און ניט קיין ווירקער, נאר א גייסט, וועלכער האט באשטימט צו בעשאפען א וועלט און ער האט איהר בעשאפען פאלגענדעס: אויבערשטע וואסער, ליכט קערפערליכעס, אונטערשטע וואסער, הימעל, וועלכער איז דער הויפט גרונט, לופט אין וועלכען עס איז אויך נכלל דאס ליכט, די ערד א שטערבענדע אונטער איהרע וואסערען, און דער גייסט האט בעשאפען וועכטער (שומרים) פאר דעם וועלט טעמפעל. ער האט ארויסגעצויגען פון דעם וואסער א שטאנדהאפטע זאך, און קוקענדיג אויף דיזע זאך האט דער גייסט געעפענט זיין ברייטע מויל, וועלכע האט אויסגעזעהן ווי אן איי פון א הוהן און פון דעם בעשטאנד איז ארוים די שפראך, און פון זייערע נאז לעכער האט ארויסגעבלאזען א ריינע לופט, וועלכע הייסט **עטהער**, און פון דער היץ פון זיין מויל איז ארוים די שווערע לופט, וועלכע הייסט א ט מ א ס פ ע ר ע, און די באפעהל פון דעם בעשטאנד האט זיך פאנאנדערגעצויגען און עס איז ארויםגעוואקסען האר, דאס זיינען די בוימער און גראז און פון זיינע אויגען איז ארוים א פונק, וועלכער האט זיך פארטראגען צו אונענדליכען רוים און ער האט געעפענט זיין הארץ האבען ארויסגערונען פון איהר כחות הנפש, גייסטיגע פיהלונגען, האפענונג, פריידע, און טרויער, פיהלונגס קראפט (הרגשה), דאס אלעס האבען זיך פאראייניגט און געבילדעט א לבנה אין הימעל, און זיין אפפעל האט זיך געשפאלטען און עס איז ארוים די פארדארבענהייט און פארניכטונג און זיי האבען געבארען דעם טויט, און זיינע געבער-גלידער האבען זיך געשפאלטען און עס זיינען ארויסגערונען אלע זייאונגען און געבורט. אויך אלע אריסגאבען וואס פון אונטער דעם וואסער.

און ווי איז דער נאמען פון דעם עצם רוחני, וועלכער קען אלעס און וואס אלע בוקען זיך צו איהם, וועלכער האט ניט קיין פיהלונג פון הערען, זעהען, שמעקען, טאפען און געשמאק, ניט קיין געדענקונגס קראפט און ניט קיין פיהלונגס קראפט, ניט קיין געבער קראפט, און ניט קיין פערשטאנדס קראפט, **בראמא** איז זיין נאמען, וועלכער איז אויך **אונדרא** און אויך **פריאדשאפאטרי**, דער הער פון דעם גאנצען וועלט בעשטאנד. דער כולל פון אלע געטער, דער ארויסגעבער פון זעען, פון פערד און מענשען, עלפאנטען, ווינט, וואסער, לופט און אלעס וואס עס פליהט און אלעס וואס עס לעבט, וואס שפראצט און וואס עס איז אונבעוועגענד (דומם) אלעס איז פון איהם, דאס איז נאר דער פערשטאנד אליין, און ער איז דער צוועק פון אלעס. ער איז דער אלער-העכסטער.

פון דיזען שקר שיינט ארוים אויך פונקען פון אמת, און פון אחדות הבורא פארגרייזט און פארדארבען. נאך וויטער שרייבט זייער בוך **רידש-וועדא**, אז איידער וועלט בעשאפונג איז ניט געוועזען ניט אמת און ניט שקר, ניט קיין וועלט און ניט קיין הימעל, ניט קיין אויבען און ניט קיין אונטען, ניט קיין וואנדלונג און ניט קיין וואנדלער, ניט קיין ארט און ניט קיין צייט, ניט קיין

טויט און ניט קיין אייביגקייט, ניט ליכט און ניט פינסטער, ווייל דער אייביג געוועזענער גייסט האט איינגעדרעמעלט און זיין ווייב **סוואהדא** איז געוועז אין איהם און אז זיין געדאנק האט זיך ערוואכט, דאס עס זאל בעשאפען ווערען א וועלט, האט זיך פון איהם געשפאלטען א שאלעכץ, און דאס איז זיין פרוי, וועלכע איז געוועזן נכלל אין איהם און ער האט בעשאפען **בראמא און ווישנו און שיבא**, די זיינען די עלטערע דריי זיהן, צו זיי האט ער בעשאפען מלאכים אין א קליינער מדרגה, און די וועלט איז געוועזן דורכאויס גן עדן. קיין טרויער אין די הימלען, נאר **מאיזאזו** און **ראפיון** האבען מורד געוועזן אין דעם אלערהעכסטען גייסט. וועלכער האט אלעם געוואוסט אויסער בחירה, דאס הייסט, אז די מענשהייט זאל קאנען אויסקלייבען גוטעס אדער שלעכטעס לויט זייער אייגענעם ווילען, און ווען די אייביגקייט האט געהערט וועגען די רעוואלוציאן האט ער זיי פארווארפען אין דער אונענדליכע פינסטערנים און די אייביגקייט האט געזאגט צו אישנו (אדער ווישנו), געה בעשאף מיר פופצעהן וועלטען און זעץ דארט אריין די אלע זינדיגע, און אזוי איז געשעהן, און די אייביגקייט האט אויך געזאגט צו ווישנא בעשאף מיר קערפערס אין וועלכע עס זאלען זיך פערקלייבען די זינדיגע גייסטער און זאלען ליידען ביז זיי. וועלען צו מיר צוריק קומען. גיב אויך צו אין די קערפערס פערשיעדענע קראנקהייטען אום זיי זאלען זיך לייטערען, און אז זיי זיינען אבער געווארען צופיעל פערדארבען האט ער זיי בעשטראפט מיט א מבול, און דאס איז די פערגרייזטע ערצעהלונג איבער די נפילים און מבול וועלכע עס דערצעהלט אונז אונזער תורה און וועלכע עס איז גאר עטוואס אנדערס לויט ווי מיר האבען געשריבען אין דעם פנים פון דעם חומש התורה והדעת און אין דעם באור ריל"ג.

די כינעזער זיינען ווירקליך אן אלט פאלק, דאך האבען זיי אויך פארגרייזט די קבלה פון זייערע עלטערען. דיזע פאלק וועלכע דינען צו די זון און לבנה און בוקען זיך צו דעם אידעאל (אפגאט) **לאמאה**, האבען אין זייערע ביכער פארגרייזט די לעהרען פון זייער געזעצגעבער **קאנפוציוס**, וועלכע זאגען דאס פון אנפאנג וועלט איז גאר נישט געוועזן אויסער **טהיען**, דער קראפט איבער אלע קרעפטע, און זיין געגנער **פואן-קוא** מאכט פון קערפערליכעם און פינסטערניש און נאך דעם, אז דיביידע האבען געהאלטען מלחמה איז געווארען דער מבול אויף דער וועלט, דאס איז די הויפט פרינציפען פון זייער רעליגיאן, און פון זייערע מעהרערע צאהל רעליגיעזע ביכער איז צו זעהן זייער פיעל רעליגיעזע מנהגים וועלכע באציהען זיך פון די הויפט פרינציפען.

פרסיים, די פרסיים פון וועלכע עס איז נאך ביי דיזע צייט אויך פארבליבען פון זייערע אלטע געטער לעהרע אין זייער רעליגיאן, וועלכע זיינען אנהענגער פון די לעהרען פון זייער געזעצגעבער **צאראאסטער**, מחקרים זאגען אז ער האט זעהר פיעל געשטודירט תורת משה. דיזע פערסיאנער האלטען אויך פון גלגול הנשמות אין דער אונטער וועלט. אום צו רייניגען די זינדיגע מעהרערע מנהגים האבען אויך די אידען געבראכט צו זיך פון די פרסיים

קמענדיג פון בבל זייער לעהרע איבער מעשה בראשית איז גאר דער אנפאנג איז געווען די צייט, און פון די צייט איז ארויס די שפראך, וועלכע האט גע־בארען **ארמוצד** Charomuzdoo וועלכער זיצט אין די אייביגע ליכט און בעשאפט נאר וואס ריין און וואס איז גוט (וזה ארמיצד בשם התלמוד הורמיז בר לילתא ב"ב ע"ג ובסנהדרין ל"ט אמר לו ההוא אומגושא (מכשף Magus א פערסיאנער מאגישער כהן) לאמימר מפלגך לעילאי דהורמיז פ' רש"י שד) נאך איהם איז געווארען בעשאפען זיין ברודער **אחרימון** (הורמין בלשון התלמוד), וועלכער איז פון אנפאנג געווען אויך א גוטער גאט, נאר איבער די קנאה צו זיין ברודער איז ער איהם געווארען א געגנער און האט בעשאפען נאר וואס שלעכטעס איז, ווי אויך דאס פינסטערניש און דעם טויט מיט דעם גהנם און אלע פלאגענעס (וועגען דיזען פועל הרע גאט איז בעשריבען אין די פרשה פון ויכלו השמים), לויט זייער תורה דארף די מענשהייט לויבען צום גאט ארמוצד און שטענדיג איבערבעטען דעם גאט אחרימון און שטילערהייט זוכען איהם צו פערניכטען, אבער צו זייער מוטער, צו די צייט, צו איהר דארף מען ניט דיענען, ווייל זי איז ניט קיין וועזען, און דאס איז ביי די פרסיים בע־שטעטיגט דאס הורמים האט געגעבען די בעשאפונג צו דעם מלאך **פעראן**, וועלכער איז דער געדאנקען פון בעשעפער און בעשעפענים און ער רופט זיך די אייביגקייט, נאר ער איז פארוואנדעלט אין קערפערליכער פון א דיקען עצם גענומען פון אחרימאן, וועלכער האט די הערשאפט שלעכטעס צו טהאן. אויך אויף דעם זעלבען מלאך זעלבסט, צו איהם קומען מלאכים וועלכע הייסען **ארשספנדאי** און רינגען ארום דעם שטול פון ארמיצד. זייערע נעמען זיינען **באהמאן** (דער הימעל קעניג), **ארדי-בהשת** (דער פייער קעניג און קראפט), **שרי-ווער** (בעשעפער פון מעטאל און דער בעל הרחמים), **ספר-דמו** (הורימיז טאכטער). **כהר-דאר** (בעשעפער פון אלע געוויקסע). און צו זיי געהערען נאך שדים און רוחות, וועלכע רופען זיך **יעצעדאו** און הערשען איבער קלענערע געשעפע.

דער הויבט פון זייער תורה איבער די בריאה איז ווי פאלגט: הורמיז האט פריהער בעשאפען ליכט און פייער און די שטערען, נאכהער וואסער, וועלכע פערדעקען די ערד, און זיין גייסט האט אזוי שרעקליך גערוישט שוועבענדיג איבער דעם וואסער, דאס דער וואסער פון שטארקען רוישען אין ארויף אויף דעם הימעל, און עס האט זיך באוויזען די ערד, און ווייל די ערד איז ניט קיין גייסטיגע זאך, נאר גראב קערפערליך, געהער זי צו דעם שלעכטען ברודער גאט אחרימאן, און דער ווארצעל פון די ערד איז דער גרויסער בארג **אל-ברדש**, און **אדר-כור** איז דער אורקוואל פון אלע קוואלען און שפראצונגען. ער האט באשאפען א טרוקענעם בוים, און א ארשספאנד (א מלאך) האט פון איהם פערזעצט ארום וואסער קוואלען, און אזוי איז ארויס ביימער, צווייגען, בלעטער און גראזען, נאכהער האט ער אין זיי בעשאפען חיות, און דערהויפט איז א אקס, און אלס אחרימן האט דעם אקס געטויט, האבען זיך פון זיין בלוט געווידמעט די אלע חיות און בהמות יעדערער נאך זיין מין, און פון די זרע

פון אקס האבען ארויסגעשפראצט צווייביימער, וועלכע זיינען געוועזן צום עסען פאר אדם און חוה.

און א געוויסע צייט וועלען זיך ארומשלאגען ביידע געטליכע ברידער, ארמיצד מיט אהרימאן, און אהרימאן, ד. ה. די שלעכטעס וועט זיגען געגען ארמצד, געגען ליכט און גוטעס, ווייל אהרימאן האט געבראכט דעם שלאנג פון די בערג דעון אין גן עדן אריין, און די שלאנג האט געבראכט קעלט און פראסט און האט פארפרארען אלע וואסערען און צודארט אלע בוימער. אבער די ענדע וועט זיין, אז ארמיצד וועט זיעגען, און נאך די קעלט וועט קומען דער אייביגער זומער. דאס זיינען דאס הויבט געטער לעהרע פון די פרסיים'שע כהנים.

עגיפטער (מצריים) זייער גלויבען איז עהנליך צו דעם הינדסטעסען גלויבען (הודיים). ווער פון וועמען האט איבערגענומען דעם גלויבען איז ניט בעוואוסט, נאר גאר אין די אלטע צייטען איז די עגיפטישע תורה געשטאנען פיעל העכער אלס די הינדוסטישע, נאר די פארדארבענע כהני מצרים האבען איהר אזוי צוקריפעלט און פערגרייזט, אז זי האט באקומען כמעט גאר אן אנדער פארם. זייער תורה זאגט דאס עס איז דא איינער ניט קיין בעשאפענער, וועלכער איז א בעשעפער פון אלעס. ער איז דער ערשטער און דער לעצטער אין דער מיטען. ער איז די הויך פון הימעל און די טיפעניש פון ים. ער איז דער לעבענס גייסט פון גאר דעם וועלטליכען בעשטאנד. דער שרש פון דעם יש, דער זעלבער איז אויך די זון און לבנה. זיין נאמען איז אטהאר, און דיזער אטהאר האט בעשאפען צוויי געטער, מאן און ווייב, וועלכע האבען געבארען דאס ליכט, וועלכע הייסט קנעף, וועלכע איז א לעבעדיגע און באוועגענדע זעעלע, און אטהאר האט בעמאנט דיזען קנעף, וועלכע האבען געבארען איין איי פון וועלכע עס איז ארוים די גאנצע וועלט דורך די הילפע פון פטם ברורם, וועלכע האט צובראכען די איי פון וועלכע עס איז ארוים גאט און מענשען.

און די אלערהעכסטע סיבה וואס האט דעם אויסזעהן פון א שלאנג האט זיך געבילדעט אזירים, ד. ה. די זון, וועלכע איהר אויפגאבע איז נאר גוטעס צו טהאן, און אויך איהר צווייטע העלפט איזים, ד. ה. די לבנה, נאר טיפאן (בעל צפון), אזירים'עס ריזען ברודער, האט מיט קראפט פארטריבען אלע הייליגע געטער, וועלכע האבען נאר גוטעס געטהאן, און זיי זיינען פון איהם אנטלאפען און האבען זיך פערוואנדעלט אין חיות און עופות, און צו זיי בוקען זיך די עגיפטער, וויסענדיג אז די אלע אלע באשעפעניש זיינען גאר פערוואנדעלטע מלאכים, משרתים פון אזירים. אזירים'ען אליין האט אויך טיפאן איהם פערטריבען פון גאנץ מצרים, אדער האט איהם פערשלאסען אין א קאסטען און אריינגעווארפען אין טייך נילוס, און איזים געהט איהם זוכען. זומער צייט געפינט זי איהם און ווינטערווארפט איהם דער טיפאן ווידער אריין אין טייך נילוס. און פון דיזע אליגאריע איז ביי זיי געבארען געטער איבער געטער, וועלכע זיינען חיות, בהמות, פייגלען און אויך וואסער באשעפענישען, גרעסערע און קלענערע, דאס זאגאר אונטער מענשען האבען זיי אויך צוטהיילט אין

פאַרשיעדענע קלאַסען און סעקטען, גידריגע און העכערע, וועלכע האָבען גע־הערשט אין מצרים פאַר און נאָך דעם מבול. אויך פון די עגיפּטער זעהען מיר דאָס אויך זיי זיינען מודה אין אַ גייסטיגען עצם, איינער וועלכער איז אי־בער אַלעס און איז אין אַלעס, און אויך זיי ריידען איבער די נפלים, און איבער דעם מבול, וואָס איז דערצעהלט אין אונזער תורה. דאָס איבערצייגט זיך, אַז זיי האָבען געהאַט אַ בעגריף איבער דעם אמת. נאָר די כהנים צוליעב אייגענ־נוצען האָבען פערגרייזט און בעהאַלטען פון דעם המון דעם אמת פון אחדות אלקות, און פאַר דאָס האָבען זיי פאַרגעטערט מומיען פון טויטע און לעבעדיגע חיות, ווי אויך פון אַפּגעמאָהלטע פיגורען אום דורך. זיי זיך פאַרצושטעלען די אַלערהעכסטע קרעפטען ביז די כהנים אליין זיינען ביי דעם המון פארגעטערט געוואָרען, און דאָס פאָלק האָט צו זיי אַליין געדיענט. און ניט האָבענדיג אין קראַפט פאַר דאָס פאָלק נאָר גוטעס צו טהאָן, האָבען זיי אויף אַלע שלעכטעס געמוזט צוגעבען אויך אַ גאָט, וואָס טהוט נאָר שלעכטעס אום צו איבערצייגען, אַז דאָס איז ניט זייער שולד, ווען יעמאַנדען געהט שלעכט און אַזוי האָט זיך געבילדעט צווי געטער — אַ גוטער און אַ שלעכטער. פועל הרע ופועל הטוב, און האָבען בעהאַלטען דעם סוד פון לעבען און טויט, און גוטעס און שלעכ־טעס איז אַלעס פון איין גאָט, און דאָס איז דער פּראָטעסט געווען פון אונזער הייליגער תורה פאַר דעם אמת. אין אחדות הבורא, וואו דער נביא זאָגט, יוצר אור ובורא חשך אני ה׳ עשה כל אלה, און ניט די נפילים זיינען געווען די שלעכטע געטער, און ניט די גוטע האָבען זיך פערוואַנדעלט אין חיות, און בהמות, און ניט די שטערענקרעפטען זיינען געטער, און אונזער תורה האָט שטרענג פאַרבאָטען ניט צו דיענען צו זיי, און אין זיי ניט צו גלויבען, און ניט צו מאָהלען זייערע בילדער תבנית כל חיה וכו, און צוליעב דעם זעלבען צוועק האָבען די כהנים פאַרבאָטען דאָס קיין מצרי, וועלכער איז ניט קיין כהן איז ניט ערלויבט אריינצוקוקען אין די הייליגע ביכער, זאָנסט איז געווען דער מצרי פאַראורטהיילט צום טויט. דאָס איז אויך געווען צוליעב די אייגעננוצען פון די כהנים, אום דאָס פאָלק זאָל פאַרגרעבט ווערען אַזוי ווייט, דאָס מען זאָל זיי קענען פייניגען און פאַרשקלאָפען אין דעם נאָמען פון אמונה, דאָס אַזוי פער־לאַנגען די שלעכטע געטער און אויף דעם אָרט האָבען זיי גערויבט פון דאָס פאָלק אַלע זייערע פרייהייט, מיט די איבערצייגונג דאָס די טבע אַליין ענט־האַלט אין זיך גוטעס און שלעכטעס און דאָס שלעכטעס איז אימער מעהר גרוי־זאַמער פאַר דאָס גוטעס. די נעכט זיינען גרויזאַמער פאַר די טעג, און דער טויט איז גרויזאַמער פאַר דאָס לעבען, און דער ווינטער פאַר דעם זומער, דאָס אַלעס איז אום דאָס פאָלק זאָל ניט קומען צום שכל, און זאָלען אָננעמען פאַר גוט די אַלע צרות און די שקלאַפעריי, מיינענדיג אַז דער גאָט פון שלעכטעס האָט אויף זיי זיין אויבערמאַכט און זיי זיינען קיין גוטעס ניט ווערט, און אי־בער דאָס אַלעס זיינען די כהנים געווען געצווייטיגט צו ווייזען דאָס פאָלק מאַ־גישע קונצען וועלכע דאָס פאָלק זאָל דענקען, אַז דאָס איז איבער נאַטירליכעס אום זיי זאָלען גלויבען די כהנים וועלכע ווייזען זיי איבערנאַטירליכע וואונדער

פון הימעל אַליין. עס איז דאַרום איבעריג צו זאָגען ווי גענייטיגט דאָס אַ בורא עולם זאָל זיך ווייזען מיט אַ תורה, וועלכע זאָל אַרונטער וואַרפען די אַלע שקרים פון מצרים מיט זייערע געטער און די פסלים ותמונות און אַרויס מיט אַן אָפענעם קאַמף אַמוויינינגסטען צוערשט צו ראַטעווען די עם ישראל, די פרעמדע אין מצרים, וועלכע זיינען די קינדער פון די אָבות אום זיי זאָלען ניט דערטרונקען ווערען אין די שמוץ פון מצרים און זאָלען ניט בלייבען אייביגע שקלאַפען ביי זיי דורך די לעהרען פון זייער תורה צו אייביגע פרייהייט. כי עבדי הם ולא עבדים לעבדים, און האָבענדיג דעם פאַראַלעל פון אונזער תורה געגען די שרעקליכע פיינינונגס לעהרען פון די מצרים'ער תורות, און שטודירענדיג די עקרים פון אונזער אמונה, וואָס איז פונקט דאַגעגען פון די לעהרען פון מצרים וואו דאָס אידישע פאָלק האָט שוין געהאַלטען צומישט צו ווערען מיט די מצריים הללו עוברי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, ווי די עגיפטער אַזוי די אידען זיינען שוין געוואָרען דיענער צו די שקלאַפישע מיטאָלאָגישע געטער פון מצרים, דאַרום האָט מוזיקאַליש געקלונגען אין די אויערען פון דאָס אידישע פאָלק די אזהרה פון אונזער תורה הקדושה כמעשה ארץ מצרים אל תעשו, און מיר מוזען געבען רעספעקט צו אונזער תורה, וועלכע האָט פריהער גערעטעט אונזער פאָלק פון אונטערגאַנג דורך די שרעקליכע געטער לעהרען פון מצרים און דורך אונזער תורה האָבען נאָכהער אין שפּעטערדיגע צייטען כמעט די גאַנצע וועלט געעפענט זייערע אויגען דורך די פרעמדע נייע תורות, וועלכע אַנדערע נאַציאָנען האָבען צווייגען געריסען פון אונזער תורה און געפלאַנצט אין זייערע פעלקער לויט זייערע אומשטענדען און לענדער, וועלכע זיינען דאָך מעהר פון וויינינגער בעפרייט געוואָרען פון אַבערגלויבישע שקלאַפעריי, אָבוואָהל די וועלט זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרען און אנשטאַט געטליכע שקלאַפעריי צו קאַפּיטאַליסטישע שקלאַפעריי, אָבער מיט דער צייט וועט די וועלט אַנערקענען גאַנץ תורת משה וואָס דאָרט איז אויך דיזע שקלאַפעריי פערבאָטען דורך יובל און קיינע ערד עראָבערונג.

בבל, כנען, אשור, צור און **צידון** און די אַלע איינוואָהנער פון די מדבריות און אַלע מערב איינוואָהנער פון דעם טהייל אַזיען, וואָס פון זיי און פון די עגיפּטער האָבען זיך געלערענט די גריכען (יונים) וועלכע זיינען געווען אַ צוזאַמענגעקליבענע פאָלק פון פאַרשיעדענע נאַציאָנען און אַזוי ווי צור און צידון זיינען געווען באַוואוסט מיט זייער חכמה און האַנדעל, און שיפבויעריי, ווי אויך ים רייזענדע איבער דעם גרויסען אַטלאַנטיק ביז אַפריקאַ און אויך אינדיען און אַביסיניען, און אויך אופיר (מען זאָגט, אַז דאָס איז פערו און אַמעריקאַ), וועלכע זיינען געווען אין יענער צייט די פיהרער איבער אַלע נאַציאָנען, וועלכע האָבען אָנגענומען זייערע לעהרען, ווי זייער קולטור אַזוי אויך זייערע געטער און צום באַדויערען האָבען אונזערע עם ישראל אויך אַ היבשע ביסעל פון זייערע שמוציגע און אונמאָראַלישע לעהרען אַריינגענומען צו זיך, און זייערע עקעלהאַפטע מעשים איז געווען גאָר אונערטרעגליך, און ווען זיי וואָלטען עקזיסטירט, וואָלט די וועלט פאַרפעסטעט געוואָרען, און אַ דאַנק

אונזער תורה, וועלכע האָט שטרענג געבאָטען אויסצוראָטען די אַלע זיבען פעלקער פון די כנענים, און דאַרום ווען מיר דאָ געבען אַ קורצע אָבער וויכ־טיגע ערקלעהרונג איבער זייערע לעהרען אום צו פערשטעהן אונזער הייליגע !רה מיט אַלע איהרע געגנערשאַפט געגען די עקעלהאַפטע מעשים פון די כנענים מיט אַלע זייערע נאַכבאַרשע פעלקער.

נאָך די איבערצייגונג פון **סאַנכיניאַטיאָן**, לויט ווי מיר געפינען אין די אַלטע גריכישע ביכער וועלכער ער איבערצייגט דאָרט די לעהרען פון די כנענים, צידונים און אַנדערע פון זייערע נאַכבאַרשאַפט איז די בריאה פון דער וועלט געווען אויף פאָלגענדער וויזע. פאַר די וועלט בעשאַפונג איז געווען פינסטערנים און פוסטקייט. דאָס האָבען זיי גערופען **כאַאָס**, און אין דעם כאַאָס איז געווען אַ צומישונג פון ליים און מיסט. וועלכע זיי האָבען גערופען **מאָט**, און אין דעם מאָט איז געלעגען בעהאַלטען די ליעבע פון די גאַנצע טבע, וואָס דורך די וואַרימקייט פון דעם ליים מיט מיסט האָט זיך ענטוויקעלט די געבורט פון אַלע בעשעפענים פון ווערים מיקען ביז שפּעטער בהמות און חיות ניט פערשטענדליכע, און נאָך שפּעטער האָט זיך פון זיי געבילדעט די פאַרשטענדליכע געשעפע, ד. ה. די מענשען, וועלכע זיי האָבען גערופען **צאַפע־סעמים** (צופי שמים, הימעל קוקער). און פון עקסטראַקט פון די ליים האָט האָט ארויסגעגלאַנצט די זון, די לבנה, און די שטערען, און פון די זונענוואַרים־קייט האָט זיך געבילדעט אַ דאַמפף און אַ פייכטקייט, וועלכע זיינען פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין וואָלקענס און דאָס אַלעם האָט געהאָלפען צו ענטוויקלען מעהרערע בעשעפענעס. מעהר ווערים און שרצים, נאָר צום פאַר, זכרים און נקבות, ווי אויך אַלע ערד געוויקסע. די ווינטען וועלכע זיינען געקומען פון אַ העכערע מאַכט און האָבען זיך גערופען **קאָל־פיאָס** (קול פי היוצר) און פון זיין ווייב **באַאוט** (ר"ל בת) וועלכע זי איז די נאַכט. זיינען ארויס דער שטאַר־בען און פאַרניכטונג. די פאַר־פאָלק האָבען זיך בעזעצט אין צור און צידון און דעם גאַנצען לאַנד כנען, און דאָרט האָבען זיי מתפלל געווען צום **באַל־סעמים** (בעל שמים). האָט ער זיי געבאַרען ליכט און פייער לערנענדיג זיי ווי צו רייו־בען איין האָלץ אָן די צווייטע ביז פייער זאָל ארויסקומען. דרוך זייערע תפילות איז געבאָרען געוואָרען **מירומס** (מי רומה) אייבערשטער וואַסער, און דער הימעל הערשער Hyperouranus האָט מלחמה געהאַלטען מיט זיין ברודער **אוזיאָס** (עיזוז רמז לקין) און דער אוזיאָס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געבויט שיפען און געלעהרענט ווי צו מאַכען רייזעס אין די ימים און זיינע קינדער האָבען שוין פערשטאַנען האַנדאַרבייט און קונסט, איינער פון זיי **אודרפּאַאר** (פועל באור) האָט אויסגעפונען קופּער און אייזען אַרבייט, און די איבעריגע ברידער האָבען אויסגעפונען ווי פיש צו פאַנגען, הייזער צו בויען און **אגראָם**, דאָס הייסט ערד צו בעאַרבייטען. גם ביונית אגראם ובעברית אכר וממנו אַקער וברומית Agor און די אַלע האָבען געבאָרען די העלדען **טיטאַנען** (התנינים) אין געשטאַלט פון מענשען מיט שלאַנגען קערפּערם. פון זיי זיינען געבאָרען געוואָרען **מיזאָר** און **סידעק** (ר"ל מישור וצדק) און

צדק, דאָס איז דער פּלאַנעט יופּיטער, טהואט, דער זוהן פון מיזאר איז דער ערפינדער פון אותיות און שריפט. די קינדער פון סידעק האָבען זיך גערופען קאַבירען כבירים אדירי ארץ, (נאָך דער מיינונג פון דר. ש. רובין זיינען די Kabiren דאָס זעלבע וואָס תרפים. וועלכע האָבען געהערשט אויף די געבער־קראַפט (פו״ר) אין הויז פּערוואַלטער, קליינע געטער, די הינדוסען אַלס זיי האָבען געבויט אַ הויז, האָבען זיי איינעם פון די געטער געשטעלט אויף דעם שפּיץ פון הויז. זיין נאָמען איז געווען פּולעאַר. דאָס איז אַ נאָמען פון אַ מלאך פון חתונות (פו״ר). אויך האָבען זיי איהם געשטעלט אויף די מיטען וועגען, ספּעציעל וואו עס טהיילען זיך פון איין וועג איינינע אַנדערע וועגען, און אַזוי ווי די תרפים זיינען די אָפּשטאַמונג פון די דודאים אין דעם פאָרם פון מענליכע און ווייבליכע געבער אָרגאַנען, איז נאָך עד היום ביי די סלאַווישע פעלקער דער צלם אויף די הויפּט וועגען אויך אין דעם געשטאַלט פון מענליכע געבער גלידער. ביי די רוימער רופט ער זיך Lares די רוסען רופען דיזע געטער Domowite הייזליכע געטער, וועלכע געפינען זיך אין יעדע הויז פון די רוסען. און די דודאים זיינען רפואות פאַר עקרות. און עס איז ניט ריכטיג וואָס דר. רובין שרייבט דאָס רחל האָט זיי גע׳גנב׳עט, ווייל זי איז געווען אַ קינדערלאָזע, ווייל אין דער צייט, ווען רחל האָט די תרפים גע׳גנב׳עט איז שוין געווען יוסף געבאָרען און זי האָט זיי ניט געברויכט צו האָבען, נאָר עס איז ריכטיגער ווי מיר שרייבען איבער די תרפים אין דעם פנים פון דיזען חומש ערקלעהרונג אויף דעם פסוק ותגנב רחל את התרפים, און די קאַבירען זיינען געווען די ערשטע ים רייזענדע.

נאָך אַ לעגענדע גיט ביי די אַלטע כנענים, דאָס עליאן (ר״ל עליון) און זיין ווייב בערוט (ר״ל בריאה), זיי האָבען געבאָרען הימעל און ערד. און זיי האָבען חתונה געמאַכט די הימעל מיט די ערד, וועלכע זיי האָבען געבאָרען עיט׳אָס (עת) די צייט), און קראָנאָס (קראָניקוס) און אַטלאַס (די וועלט־מאַפּ), און די קינדער פון די צייט, וועלכע זיינען שטאַרבענדע האָבען מלחמה געהאַלטען מיט זייער הימלישען פאָטער און האָבען איהם פאַרטריבען. אָבער דער פאָטער האָט צו הילפע גענומען בעל (יופּיטער) און עסטאַרטא (עשתרות) די לבנה, און ווענוס (נוגה) און צדק (אויך יופּיטער) און אדדום (אדד או גד אצל הבבלים), און זיי זיינען געוואָרען די הערשער, און נאָך מעהרערע לעגענדען גיט אין זייערע לעהרע, און ועל כלם האָבען אַלע לעהרען געשטרעבט צום הויפּט צוועק וואָס דאָס איז זנות. נאָך וויניג וואָס זיי האָבען געטריבען דעם אונמאָראַל צווישען נאַטירליכע גלייכע געשלעכטער, האָבען זיי געטריבען דעם זנות געטליכקייט אויך מיט חיות און בהמות און עופות. און אין דעם זנו תפארם האָבען זיי געשניצט און געמאָהלען מאָנומענטען און סימבאָלען, צ. ב. ש. ווי הירקולוס, דער סימבאָל פון די זון טרייבט זנות מיט טיטאַנען, דער סימבאָל פון נאַכט, Karubeiden ד. ה. די כרובים מיט די Nifelungen ד. ה. די נפילים, און געזוכט דורך די סימבאָלען צו פעראייניגען די פועלי רע געטער מיט פועלי טוב.

און אין די שפּעטערדיגע צייטען, אַז זיי האָבען געזעהען זייער אייגענעם פּראָגרעס און ערפינדונגען און געגוג קראַפט צו שטעהן העכער פון אַנדערע נאַציאָנען האָבען זיי שוין זיך זעלבסט פאַרגעטערט און האָבען געבראָכען אַלע רעקאָרדס פון אַנשטענדיגקייט, נאָר אויסגענוצט זייער אייגענע קראַפט, און האָבען אונערבאַרמליך גענומען דריקען די שוואַכערע פון זיי. און האָבען נאָר פאַרגעטערט די שטאַרקע קראַפט און דערפון האָט זיך געבילדעט רויב און מאָרד, לערנענדיג זיך פון זייערע אייגענע געטער, וועלכע זייערע שטאַרקע געטער האָבען דאָך אויך געדריקט די שוואַכערע געטער. און דאָרום האָבען זיי נאָר די קראַפט פון מלחמה פאַרגעטערט, און פאַרגעטערט די מלחמה פון דער טבע, וועלכע זיעגט איינס געגען דאָס צווייטע. דאָס האָט זיי געבראַכט צו שטודירען די פּלאַנעטען, וועלכע האָט זיי געוויזען זייער צוקונפט לויט די לעה־רען פון זייערע כהנים, און ווי אדנוס, זייער זוממער גאָט איז ווינטערצייט גע־שטאָרבען, האָבען זיי געדיענט צו די לבנה און צו די ווינטער שטערען, זעלבסט־פאַרשטענדיג, אַז פון אַזעלכע לעהרע האָבען זיך געבילדעט מכשפים מיט מכשפות און קוסמי קסמים און חוברי חבר בעלי אוב און נאָך אַנדערע זאָרטען כשוף פון וועלכע אונזער תורה הקדושה האָט פאַראורטהיילט צום טויט די, וועלכע האָבען זיך מיט כשוף באַנוצט און זיך געלעהרענט פון די כנענים. אַזוי ווייט איז ביי זיי געקומען, אַז צו דעם שטערען שבתאי Saturnus דער לעצטער פּלאַנעט וועלכער האָט צו זיך ניט קיין פּאָר, און ער איז נעבעך אָהן אַ ווייב, וויל דער זיבעטער האָט ניט קיין אַכטען אום איהם איבערצובייטען, האָבען זיי פאַרברענט צו איהם זייערע אייגענע קינדער. דער זעלבער איז דער וואָס אונזער תורה רופט איהם מולך.

און אַלס דער בורא ברוך הוא האָט געזעהן דאָס די וועלט מוז דורך אַזעלכע מעשים רעים קומען צו איין פאַרניכטונג, און וויסענדיג נאָך פון די אבות, אַז זייערע קינדער די בני ישראל זיינען מעהר עלול צו מאָראַל און צו חכמה, מעהר פון אַנדערע נאַציאָנען פון יענער צייט בפרט, אַז גאָט האָט געשוואָרען צו די אָבות אברהם, יצחק און יעקב, די ערשע קעמפּפער פאַר ציוויליזאַציאָן און מאָראַל, האָט דאָרום גאָט ערשיינט צו זיין פאָלק מיט זיין הייליגע תורה אום אַרויסצוציהען זיי פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט און האָט אונז געגעבען צו־ערשט דעם אָנפאַנג פון אונזער הייליגער תורה די מעשה בראשית, וועלכע איז פונקט דאַגעגען געגען אַלע ווילדע מיטאָלאָגישע לעגענדען פון אַלע נאַציאָנען, געגען אַלע זייערע געטער לעהרען צו איבערצייגען דער וועלט, אַז די וואָרע גאָטהייט איז ריין פון זיווגים, און גאָט האָט מיט קיין אַנדער גאָט ניט חתונה, און ער דאַרף ניט קיין גאָטיכעס, ניט קיין בתולות און ניט קיין גרושות און ניט קיין אַלמנות. די אחדות הבורא ברוך הוא איז אַ יחיד. נאָר איין גאָט וואָס צו איהם גיט קיין שום נאָך איינער און קיינע העלפּער אין זיין געטליכע וועלט בעשאַפונג. דער בורא ברוך הוא בעמאַנט ניט די צרס (די ערד מוטער — ביי די גריכען הייסט זי דאָס הייליגע מיידעל) און די מענשהייט אַלס גאָטעס זיהן, וויל זיי זיינען ערדיש געבאָרען און גייסטליך זיינען זיי הימעליש, וואָס פון די

דריי, ד. ה. געטליכער גייסט און ערדישע מוטער, און דער מענש וואס איז קער־פערליך ערדיש און גייסטליך הימעליש, האט זיך געבילדעט דער גאנצער קרים־טענטהום, וועלכע האבען דיזע לעהרע אנגעקליידעט אין איין פערזאן פון דער שטאדט נצרת וואס עס איז גאר א גרויסער ספק אויב ער האט ווען עקזיס־טירט.

און אויסער וואס די מעשה בראשית, וואו עס איז גלייך ערקלעהרט די אחדות הבורא, גיט דיזעלבע פרשה אלע נאטור וויסענשאפט לויט ווי עס איז פעסט באשטימט פון אלע נאטור פארשער פון פארצייטענס ביז די געלעהרטע פון היינטיגע צייט. נאך מעשה בראשית פאנגט אן אונזער תורה אונז צו בילדען דעם אנפאנג פון קולטור און פראגרעס און גיט אנז די גאנצע וועלט אלס א גן עדן, און שילדערט אונז אלעגאריש דעם קאנטראסט פון א נאטיר־ליכען לעבען געגען די וויסענשאפט, וועלכע ברענגט צו אן איבערנאטיריכען לעבען אין דער פארם פון צוויי בוימער. איין בוים הייסט „לעבען" און דער צווייטער איז דער בוים וואס הייסט וויסענשאפט, וואס צו פאראייניגען ביידע צוזאמען, וויסענשאפט מיט לעבען, איז נאך די מענשליכע טבע ניט פאלקאם אין דעם. און די שלאנג שטעלט אונז פאר די תורה הקדושה אלס סימבאל פון פארדארבענהייט, וועלכע עקזיסטירט אין די מענשהייט איהם אנצורייזען נאר צו תאות און צו קערפערליכען גענוס און איבערצייגט אונז דאס דער אי־בערנאטירליכער דעת פארפיהרט די מענשהייט און ברענגט איהם צו ארבייטען שווער, מיט שווייס אויף זיין פנים, און די פרוי אלס געבערליידענדע, איבער איהר איבערנאטירליכע ווינשונגען און פארלאנגס, וואס דאס אלעס גיט ניט ביי די בהמות און חיות, וועלכע געניסען פון לעבען און וויסענשאפט. און די שלאנג וואס איז דער סימבאל פון פאלשקייט און פארדארבענהייט, וועלכע ליגט אין דעם מענשען זעלבסט און ברענגט איהם צו אזא ווייטען האס, דאס עס האסען זאגאר עלטערען זייערע אייגענע קינדער און קינדער עלטערען. דער מאן זיין ווייב און די ווייב איהר מאן אלעס צוליעב די איבערנאטירליכע ווי־סענשאפט עץ הדעת, וואס ברענגט קיינמאהל ניט צו הארמאניע זאגאר ביי די נאהענטסטע.

און די תורה איבערצייגט אונז ביי די ערשטע קולטור געשיכטע די פראבע, אז עס קען ניט אויסהאלטען דעת און חיים צוזאמען מיט דער געשיכטע פון הבל און קין, ווי איהר וועט געפינען אין דעם זעלבען חומש אין באור רי"לג, דאס קין האט ניט פארגונען זיין ברודער הבל דעם קאפיטאליסט וואס ער האט פארנומען די בהמות און שאף, וועלכער האט פון זיי אלעס געהאלט מילך, קעז, פוטער, פלייש און פעל און וואהל צו ווארימען זיך, וועהרענד דער ארימער אר־בייטער קין איז געוועזן אונטערוואַרפען אונטער די טבע, וואס דער האגעל האט אויסגעשלאגען זיינע ביסעל פארזעעטע, אדער א וואסער האט אפגעשווינקט זיי, אדער די זון האט פארברענט און נאך אזעלכע צופעלע מיט וואס די נאטור פלאגט, און ניט האבענדיג מיט וואס די ערד צו בעארבייטען איז ער אימער

געווען הונגעריג און דורך קנאה האָט ער זיין ברודער ערמאָרדעט, דערפאַר וואָס די טבע האָט זיך צום ברודער געווענדעט צום גוטען, און צו איהם נאָר צו שלעכטעס.

די צווייטע קולטור-עפּאָכע, וואָס למך אַלס אַ רייכער פּערוואַלטער פון בהמות און שאָף וואָס איהם האָבען געפעהלט פּאַסטוכער פאַר זיי און אויך אַרבייטער און אייזען און קופּער, האָט געבראַכען דעם מאָראַל נעמענדיג צוויי ווייבער און אַ קאָנטראַסט געמאַכט איינע פון די צווייטע. די ערשטע אַלס געטליכע פּרוי און איהרע קינדער אַלס געטליכע קינדער (בני אלהים), וואָס זיי האָבען גענאָסען נאָר דאָס גוטעס פון זייער פאָטער. איינער האָט זיך רוהיג באַשעפטיגט און פערוואַלטעט די שאָף און דער צווייטער, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, האָט אַזוי לאַנג געפייפט אויף פייפלאַך ביז ער האָט אויסגעפונען מוזיק אינסטרומענטען צו שפּיעלען. אָבער די קינדער פון צווייטע, וועלכע ער האָט גערויבט פון איהר די פרייהייט אַלס אַ געזעצליכע פרוי, נאָר אַלס שקלאַפין, האָט ער אויך פאַרשקלאַפט איהרע קינדער אַלס פאַסטוכער און אַרבייטער און גערויבט פון זיי אַלע זייערע רעכטע אַלס מיטמענשען, און אויף איהם קוקענדיג האָבען אַלע בני אלהים, ד. ה. די אַריסטאָקראַטען, געכאַפּט מיט געוואַלד די אָרימע אונשולדיגע טעכטער און זיי פאַרשקלאַפט און געמאַכט פאַר מוטערס צו קינדער, וועלכע האָבען געמוזט זיין שקלאַפען ביי זייערע אייגענע פאָטערס, און צוליעב דעם איבערנאַטירליכען אונמאָראַלישען זנות האָבען זיי זיך אָפּגעשוואַכט אַזוי וויט, דאָס אַנשטאַט וואָס די ערשטע האָבען געלעבט נאָהענט צו טויזענד יאָהר, האָבען אָבער שוין די ניט מעהר געלעבט ווי ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. און אַלס די געפאַלענע אַרבייטער, ד. ה. די נפילים האָבען שוין ניט געקענט איבערטראָגען די אכזריות פון זייערע עלטערען מיט זייערע געטליכע ברידער (בני אלהים), האָבען זיי געמאַכט אַ רעוואָלוציאָן געגען די רייכע און זיינען געוואָרען רויבער און מערדער, פּשוט אַלס ווילדע חיות, דאָס די שוואַכע נאָך ניט באַפעסטיגטע ערד און די שטענדיג פאַגיגע לופט האָט זיי ניט געקענט דערטראָגען און גאָט האָט אוי זיי געשיקט אַ פערניכטונג דורך דעם מבול, ווייל פערדאָרבענהייט קען ניט לאַנג עקזיסטירען. די גאָטהייט וויל האָבען ריינליכקייט און אונשולד, און נאַטירליכעס אָבער ניט איבערנאַטירליכעס.

וויטער דערצעהלט אונז די הייליגע תורה די צופאַלע פון דער מענשהייט מיט זייערע נאַטירליכע געבורטען, און ניט ווי די געטער לעהרען פון אַלע נאַציאָנען דערצעהלען דאָס מענשען האָבען געבאָרען געטער, און געטער האָבען געבאָרען מענשען, און געטער האָבען געבאָרען זיהן און אייניקלעך. שוועסטער, וועלכע האָבען געהייראַט מיט ברידער און אויך געהייראַט מיט דעם טאַטען מיט גאָט אַליין, נאָר אונזער תורה דערצעהלט אונז דאָס אַלעס איז נאַטירליך ווי אונזערע אָבות, אַבוּאָהל זיי זיינען געווען געטליך, זיינען זיי דאָך ניט פערגעטערט געוואָרען אַלס געטער, נאָר אין גשמיות זיינען זיי געווען נאַטירליכע

מענשען און זייערע ווייבער איינפאכע עהרליכע און פרומע פרויען, אהנע שום איבערנאטירליכעס.

ווידער קומט אין אונזער תורה ארדנונגען ווי אין לאנדספיהרונג אזוי אין נאטירליכען לעבען, אין רחמנות צו געדריקטע, בעפרייאונג פון שקלאפעריי, געזעצע צו זיין פיזיש און מאראליש צום עקזיסטענץ און צו ענטוויקלונג, געזעצע פאר כהנים מיט דעם שטרענגסטען מאראל, נאך שטרענגער ווי פאר דאס איינפאכעס פאלק, אפגעזונדערטע פון מעהרערע פערגעניגען און ניט צו ערווערבען רייכטהום, זאגאר קעניגע זאלען זיין פאלקס מענשען און לעבען ווי איינפאכע בירגער אהן גאלד און זילבער, אהן פיעל פערד צום רייטען, און די אלע אזהרות און חוקים און משפטים, עשה׳ס און לא תעשה׳ס און אלע מצוות זיינען זיי אלע פאר דעם וואהל און בעסטען פאר דער מענשהייט ער זאל מאריך ימים זיין אונטער אן אנשטענדיגער און מאראלישער פיהרונג. און דארום האב איך אין דיזען איינלייטונג געשריבען די עקרים פון די געטער לעהרען ביי די פעלקער אין יענער צייט אום דער וואס וועט לעהרנען מיין באור אין דיזען קאמענטאר אויף תורת משה וועט ער שוין אליין געפינען די אורזאכען וואס אונזער תורה ערלויבט אונז יעצט צו טהאן און וואס ניט צו טהאן, אבּ־ וואהל דאס ביי יעדע פרשה האב איך געשריבען די אורזאכען וואס די פרשה ענטהאלט און צוליעב וואס זי איז אין גאנצען געשריבען דאך האב איך גע־ שריבען דיזען איינלייטונג האב איך דאך געשריבען די אלע אורקוועלען פון די מיטאלאגיע פאר די ביבעל קריטיקער און פאר דעם סתם מקשן, און פאר די אונגלויביגע און לעהרנענדיג די פרושים פון דיזען חומש, האף איך אז עס וועט זיי פארענטפערט ווערען מעהרערע פראגען, ווייל אלעס איז דא ער־ קלעהרט פארשטענדליך, און די אלע וועלען פארשטעהן די עהרליכקייט פון אונזער תורה הקדושה והטהורה און וועלען זיך צוקעהרען צו אונזער גאט מיט עהרענפורכט פאר איהם און מיט רעספעקט פאר זיין תורה, וועלכע ער האט נאר צו אונז געגעבען.

און אויב ווער עס וועט געפינען פסוקים אדער גאנצע פרשיות, וועלכע נאך זייער מיינונג זיינען ניט ריכטיג ערקלעהרט אדער איבערזעצט זאל מען ניט הענגען די שולד אויף אונזער הייליגע תורה, ווייל תורת ה׳ תמימה. עס גיט אין איהר קיין שום פעהלער, נאר דער פעהלער איז אין מיר אליין וואס איך האב ניט בעסער פארשטאנען איהר מפרש צו זיין און איך בעט ביי דעם בורא עולם ער זאל מיר עפענען מיינע אויגען איך זאל ריכטיג פארשטעהן זיין הייליגע תורה און איך זאל חלילה ניט נכשל ווערען אין זאכען, וועלכע זיינען חלילה געגען תורת משה פון יאהר תרס״ט ביז דעם יאהר תרפ״ג לאלף הששי, וואס צווישען די יאהרען האט אויסגעבראכען די גרויסע וועלט מלחמה משנת תרע״ד עד שנת תרפ״א און איבער די אונגליקען וואס אונזער פאלק האט ארי־ בערגעטראגען כמעט אין אלע אייראפעאישע לענדער, וואס הונדערטע טוי־ זענדע אידען, אלטע, יונגע, מיט קליינע קינדער זיינען אומגעבראכט געווארען על קדוש השם על לא חמס בכפם גאר אונשולדיג (כמו שכתבתי בספרי צדה

הקדמה

לדרך הוא מעבר יבק הנמצא למכירה אצל ס׳ הרוקערמאַן, 50 קאַנעל סט., נ. י.) איבערהויפּט אין פּוילען, אין אוקריינע און רומעניע און כמעט אין אַלע סלאַ־ווישע לענדער, דאָס אַלעס ווי אויך מיין אָרימער נע ונד׳נער לעבען האָט פיעל פון מיר געראויבט צייט און געדולד צו שרייבען און אום מעהר מעיין צו זיין מיין אַרבייט האָט מיר געפעהלט ספרים און ביכער וועלכע איך האָב ניט גע־נוג געהאַט און מיין אַרבייט בעסער צו ענטוויקלען. דאַרום בעט איך ביי אַלע פאַרשער און מבקרים אויף אונזער הייליגע תורה, דאָס זיי זאָלען אורטהיילען צו דער גוטער זייטע מיר דעם מבאר און מחבר, ווי אויך דעם מעתיק.

יהודה ליב ב״ר מאיר גאָרדאָן.

בְּרֵאשִׁית

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ א 2
הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל־פְּנֵי תְהוֹם וְרוּחַ אֱלֹהִים
מְרַחֶפֶת עַל־פְּנֵי הַמָּיִם׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי־ 3
אוֹר׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאוֹר כִּי־טוֹב וַיַּבְדֵּל אֱלֹהִים בֵּין 4
הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לָאוֹר יוֹם וְלַחֹשֶׁךְ ה
קָרָא לָיְלָה וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם אֶחָד׃ פ
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי רָקִיעַ בְּתוֹךְ הַמָּיִם וִיהִי מַבְדִּיל בֵּין 6
מַיִם לָמָיִם׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־הָרָקִיעַ וַיַּבְדֵּל בֵּין הַמַּיִם 7
אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ וּבֵין הַמַּיִם אֲשֶׁר מֵעַל לָרָקִיעַ וַיְהִי־
כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים לָרָקִיעַ שָׁמָיִם וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר 8
יוֹם שֵׁנִי׃ פ
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל־מָקוֹם אֶחָד 9
וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה וַיְהִי־כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לַיַּבָּשָׁה אֶרֶץ י
וּלְמִקְוֵה הַמַּיִם קָרָא יַמִּים וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיֹּאמֶר 11
אֱלֹהִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי
עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־כֵן׃
וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע לְמִינֵהוּ וְעֵץ עֹשֶׂה־ 12
פְּרִי אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיְהִי־ 13
עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם שְׁלִישִׁי׃ פ
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי מְאֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהַבְדִּיל בֵּין 14
הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה וְהָיוּ לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים וּלְיָמִים וְשָׁנִים׃

תרגום עברית אשכנזית

(א) **בראשית.** אלס עס האט זיך אנגעפאנגען די צייט, האט ערוויילט, דער אלמאכט די הימלען און די ערד: (ב) און די ערד איז געווארען אונ־פארמליך און צומישט אין פינסטערניש אויף דעם אבגרונדס־פלעכע, און אן אלמעכטיגער ווינד האט געשוועבט איבער דעם וואסער: (ג) און דער אל־מעכטיגער זאגט עס זאל ליכט זיין, און עס איז געווארען ליכטיג: (ד) און דער אלמעכטיגער זעהט, דאס ליכט אז עס איז גוט, און דער אלמעכטיגער שיידעט אב צווישען דאס ליכט און צווישען דאס פינסטערניש: (ה) און דער אל־מעכטיגער רופט דאס ליכט טאג, און די פינסטערניש רופט ער נאכט, און עס ווערט אוועגד און עס ווערט מארגען איין טאג: (ו) און דער אלמעכטיגער זאגט עס ווערט אויסשפרייטונג אין מיטען דעם וואסער און א שיידונג צווישען

התורה והדעת

(א) **ברא.** ענין ברירה ובחירה. עין אמרי שפר להרב נ"ה וויזל: **השמים ואת הארץ.** השמים אשר היו מעולם והארץ אשר היתה מכבר אך נחרבה. השמים הוא האויר העליון הדק הנקרא אטהער והרקיע הוא האויר התחתון העשוי לנשימה ונקרא אטמאספערע והוא מז' עד ח' פרסאות מהארץ: (ב) **תהו ובהו** אינם אפס אמתי אך האויר נעשה לעב הענן שלא חדרו אף נצוץ אחד מנצוצי אור וזהו תהו ובהו כמאמר הכתוב ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו. ובאמת השמש היתה תלויה כימי קדם. ורוח אלהים היינו רוח חזק אשר טיהר

באור ריל"ג

בראשית. דער ערשטער פסוק איז א פאררעדע צו די גאנצע תורה הקדושה. עס איז ניט געשריעבען ויאמר אלהים יהי שמים, אזוי ווי ביי די איבעריגע בעשאפונג, נור בראשית, און וויל אלע בעשאפונג איז פאר די נוצבארקייט דעם מענשענס, אבער דער אנפאנג בריאה פון די הימלען און פלאנעטען געהער ניט צו די מענשהייט פאר וועלכע עס איז נאר די ערד געגעבען געווארען, דארום שרייבט די תורה א קורצע הקדמה ביז ויהי אור, וואס די ליכט איז דער הויבט נוץ צו מענשען. די איבערזייצונג איז דערווארט „בראשית“ אלס עס האט זיך אנגעפאנגען די צייט, און גאט איז ניט אבהענגליך אן די צייט. ביי גאט קען ניט געבען קיין אנפאנג אזוי ווי עס קען ניט זיין ביי איהם קיין ענדע. און אז די תורה שרייבט און פאנגט אן מיט דעם ווארט „בראשית“. אין אנפאנג, מוז מען זאגען אז די תורה איז געגעבען צו די מענשהייט וועלכע לעבען מיט צייט רעכנונג. אויך גיבט א מיינונג אז בראשית שטאמט פון ווארט „ראש“, א קאפ“, אזוי ווי די קאפ איז דער חשוב'סטער גליעד פון גאנצען קערפער, וויל די קאפ בעוועגט דעם גאנצען קערפער, און אזוי ווי די קאפ מיינט ניט די פלייש און די ביינער פון קאפ נאר די חכמה וואס איז אין קאפ, וועלכע איז אונזיכטבאר און קיין דאקטאר געפינט ניט ביים פאלמעסען אדער אפערירען א מענשען וואו דער שכל ליעגט, וויל דער שכל און חכמה געהער צו די גאטהייט און קיין ילוד אשה קען ניט פערשטעהן ווי, וואס און וואו חכמה איז, דארום קענען מיר זאגען אויף דעם ווארט „בראשית“. מיט קאפ, דאס הייסט מיט חכמה האט גאט בעשאפען די

תרגום עברית אשכנזית

וואַסער און וואַסער: (ז) און דער אַלמעכטיגער מאַכט דעם אויסשפּרייטונג און שיידעט צווישען דעם וואַסער, וועלכער אונטערהאַלב דעם אויסשפּרייטונג און דעם וואַסער וועלכער איבערהאַלב דעם אויסשפּרייטונג און עס ווערט פעסט אַזוי: (ח) און דער אַלמעכטיגער רופט צו דעם אויסשפּרייטונג הימעל און עס ווערט אָוועגד און עס ווערט מאָרגען אַ צווייטען טאָג: (ט) און דער אַלמעכטיגער זאָגט, עס זאַמלען זיך די וואַסער אונטערהאַלב דעם הימעל צו איין אָרט, דאָס עס זאָל זיך דורכזועהן די טריקעניש און עס ווערט פעסט אַזוי: (י) און דער אַלמעכטיגער רופט דאָס טריקעניש ערד, און צו די וואַסערזאַמלונג רופט ער מעער (ימים) און דער אַלמעכטיגער זעהט דאָס עס איז גוט: (יא) און דער אַלמעכטיגער זאָגט, עס גראָזען זיך די ערד גראָז,

התורה והדעת

את האויר הלח ואת המים אשר גם כן היו קדומים: (ג) יהי אור. היינו אויר, כמו יפיץ ענן אורו. ובלשון יון אויר אוּראַ: (ד) את האור כי טוב לצורך העולם השפל. בין האור ובין החושך, כי אחר חורבן הארץ אבד כדור הארץ את מעגלו סביב השמש והחושך והאור היו רודפים זה את זה ובהמשך הזמן קבלה הארץ אורה מעט מהשמש והיה ביכולת להבדיל בין האור ובין החושך לפי סביבותו חצי כדור יום וחצי כדור לילה והתהוו ערב ובקר: (ז) ויעש אלהים. נגמר מעשה הרקיע. ויבדל, נבדלו המים בטבעיהם, המים העליונים בכח

באור ריל"ג

וועלט. און אומזאָנסט איז דעם מענשען'ס דענקען איבער די געטליכע בריאה מיט זיין אייגענעם פערשטאַנד, דען ווען אַ מענש ווייס ניט פון זיין אייגענע קאָפּ וואו זיין פער־שטאַנד איז, ווי אַזוי קען ער וויסען די חכמה פון דעם בורא עולם מיט זיין אַלוועלט־ליכע בעשאַפונג. און אומזאָנסט איז דער דיספּוטירען פון געבאָרענע בלינדע איבער פאַרבען וועלכע עס איז שעהנער, בלויע אָדער רויטע, ווען זיי האָבען דאָס ניעמאָלס געזעהן, אַזוי איז אומזאָנסט וואָס מענשען זיינען זיך מתוכח איבער מעשה בראשית. וועלכע איז ניט צו איבערצייגען, ניט דערפאַר און ניט דאַגעגען. דאָס בעסטע איז אַז וצדיק באמונתו יחיה: ברא. דאָס איז בעשטימט, אַז ניט די ערד אויף וועלכע מיר לעבען יעצט, איז ניט די ערשטע געטליכע בעשאַפונג, נור פאַר דיעזע ערד איז געווען נאָך וועלטען. און די ערשטע האָט גאָט בעשאַפען אַ יש מאין. אָבער אונזער ערד איז איבער געפאָרמירט געוואָרען. און ווען דאָס איז געשעהן איז אונבעשטימט. מעגליך אַז עס איז פאַראיבער פיעל טויזענדע יאָהרען ביז די וועלט מיט איהרע פלאַ־נעטען האָבען זיך אויסגעבילדעט. „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול“. ביי גאָט איז טויזענד יאָהר איין טאָג. נאָך פראָפעסאָר הומבאָלד אין זיין קאָסמאָס זיינען אין די זעקס טעג די וועלט נור איינגעאָרדענט געוואָרען: והארץ. דיעזער פסוק דער־צעהלט אונז, אַז די ערד איז חרוב געוואָרען, אָדער דורך אַ פּלאַנעט וועלכער איז איהר אין וועג געקומען און ער האָט איהר צוריסען, אָדער איבערגעקעהרט, און מעגליך אַז דורך וואַסערען וועלכע האָבען פאַרפלייצט דעם גאַנצען ערד קוגעל און געמאַכט איהר

באור ריל״ג

הארטקייט צושמאלצען און שיטער. נאטור־פארשער האבען זאגאר אויסגעפונען, אז די ערד האט בעקומען א שרעקליכען אבשטויסונג פון מערבית דרומית צו מזרחית צפונית, וואס דורך דעם איז די ערד וויסט געווארען, און זעלבסטפערשטענדיג אז פון די פייכטע און שיטערע ערד האבען זיך געבילדעט שטיקענדע גאזען און גערדיכטער דאמפף, וועלכע האבען פערפינסטערט און פערשטעלט יעדען זונען־שטראהל גלייך ווי ניעמאלס וואלט געוועזן הימעלשע ליכט. און באמת איז די ליכטיגקייט געוועזן פון פריער, נור זי איז ווייט געווארען פון דער ערד. מעגליך אז מיט אונזער ערד זיינען נאך פלאנעטען חרוב געווארען. לויט דעם מדרש: הקב״ה בונה עולמות ומחריבן, דאס הייסט מעהרערע וועלטען בויט גאט און פערוויסטעט זיי, אזוי ווי עס יעצט איבערצייגט אז די לבנה איז אויך א פערוויסטעטער פלאנעט. מעגליך אז פריהער האט אונז די לבנה געשיינט ביי נאכט ווי די זון ביי טאג, ווייל זי איז נעהענטער געוועזן צו אונזער ערד, און ביי אונזער יעצטיגער וועלט האט זי זיך דערווייטערט ביי פופציג טויזענד מייל ווייטער. (ואולי זה כונת רז״ל באמרם שהלבנה דברה בגאון אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד נתמעטה אורה (חולין) היינו שנתרחקה מעל הארץ.) די איבערצייגונגען אז די ערד איז וויסט און צומעשיט געווארען גיבט פיעל. איבערהויבט וואס מען געפינט אין די ערד־שיכטען און אין איהר טיעפעניש איינינע כארטען ערד מיט פערשטיינערטע וועלדער, פערשטיינערטע חיות, ווי אויך פערשטיינערטע מענשען, און אלערליי ברואים און צובראכענע שטיינער וועלכע ליעגען אהנע ארדנונג, וועלכע איבערצייגען אז פון אן ערדישען גרויסען קראך זיינען זיי צושמעטערט געווארען. או מעהרערע מיינונגען, און אונזער תורה בעשטעטיגט דאס אזוי איז עס געשעהן, שנאמר והארץ היתה תהו ובהו, כלומר נהיתה, כמו היתה למס, היתה לזונה, כלומר נתהפכה לזונה, וכאן ג״כ נתהפכה לתהו ובהו, ותרגום יב״ע וארעא הוות צדיא ירקניא מבני אנשא, שלא נחרבה ממציאות לגמרי אך נתבלבלו סדרי הטבע, ודעת ר׳ אבוה על הפסוק ויהי ערב מכאן שהיו סדר זמנים קודם לזה, ודעת תנא דבי אביי ששת אלפי שנין הוה עלמא וחד חריב: לרקיע שמים. וואס איז דאס הימעל? און ווי קען זיך דארט אויפהאלטען וואסער? און ווי אזוי געהט ארונטער צו אונז דער רעגען? איז דען די וויסענשאפט פון אונזער יאהרהונדערט געגען אונזער הייליגער תורה, און געגען דעם אהנעגרונדליכען תלמוד? מיר מוזען זאגען אז ניין! אונזער אלטע תורה האט אונז אלעס איבערצייגט, דאס וואס די פילאסאפיע האט אויסגעמאטערט אין טויזענדער יאהרען אויסצוגעפינען. אבוואהל איינינע פון אונזערע גאונים און פילאסאפען האבען געגלויבט דאס די הימעל איז א שטארקער קערפערליכעס וועזען וועלכער געפינט זיך אין דעם וואסער עלעמענט און ער רינגעלט ארום אלע פלאנעטען און ער איז דער מיטען פון דעם אלגעמיינעם וועלט־רוים. זיי האבען ליידער פערגעסען דעם מאמר פון דעם הייליגען תנא ר׳ שמעון בן יוחאי וועלכער האט געזאגט „הכוכבים טסים באויר“ די שטערען שוועבען אין די לופט. מיר ווילען דא א קורצען בעגריעף געבען איבער די הימעל און וואסער, און דערמיט בעשטעטיגען די זאגען פון די חכמי התלמוד מיט די וויסענשאפט צוזאמען. די הימעל וועלכע איז איבער אונז איז ריכטיג ווי די נאטור־פארשער רופען איהם „דער אטהעם געוועלב“, אדער דער רונד פון אטמאספערא, און דארט זיינען די פאבריקען פון רעגען, שנעה, דונערען און בליצען. נור מיר מוזען וויסען

באור ריל"ג

דאס אלע עלעמענטע זיינען צומישט מיט זייערע שטאפען, און זיי בארגען זיך און גיבען זיך איבער, און אויך פעראייניגען זיך מיט זייערע שטאפען. די עלעמענטען לופט און וואסער זיינען מעהרער פעראייניגט ווי אלע אנדערע עלעמענטען. די לופט הערט ניט אויף צו טרינקען שטענדיג דעם וואסער, דען מיר זעהען דאס יעדע נאסע זאך ווען זי קומט צו די לופט ווערט זי טרוקען. זעלבסטפערשטענדליך אז דאס וואסער ווערט ניט פערניכטעט, נור די לופט טראגט איהם אוועק אין דעם אויבערשטען וואסער-פלאץ. און מיר מוזען צוגעבען אז די לופט זייגט און טרינקט מעהרערע וואסער פון ימים און פון טייכען, און מאנכעס מאל טרוקענט זי אויס גאנצע טייכען. און די נאטור-פארשער האבען אויסגעפונען דאס די אויבערשטע וואסער זיינען אזוי פיעל ווי די וואסער פון אונזער ערד. וחז"ל אמרו: „נטל הקב"ה כל מימי בראשית ונתנם חצים ברקיע וחצים בים אוקינוס". און אז עס פעראייניגט זיך מיט די לופט און וואסער אויך די עלעקטרי וועלכע איז דער פייער עלעמענט און די זונען-שטראהלען ריהרען אן דיעזע אלע עלעמענטען, דריקען זיך ארויס וואסער גאזען און פערוואנדלען זיך אין וואלקענס-דאמפף, וועלכע צוגיסען זיך אויף מיליאנען מיילען און שווימען פון אויבען ביז אין די העכערע ספערען וואו די לופט איז דארט גרינגער און דארט בלייבען זיי שטעהן נאך די געזעצע פון גאט, וואס קיין מענש איז אין דיעזע געהיימנים ניט געקומען. און אין די צייט וואס דער פייער עלעמענט פערציהט זיך, און די מאגנעטישע ערד מאהנט איהר חיונה ווערט דער וואסער עלעמענט צו טראפענס, און וועיל דאס וואסער עלעמענט איז שווערער פאר די לופט, דארום פאלען די טראפענס צום ערד-באדען און זעטיגען אן די ערד, און אויך פיהלען זיי אן די טייכען מיט די ימים, און נאכהער קומט די לופט און טריקענט זיי ווידער, דאס הייסט זיי טרינקען זיך ווידער אן און ברייננגען זיי ווידער צוריק אויבען אין הימעל. און אזוי טהוט זיך דאס אימער. און די אלע גאזען וועלכע זיינען איבער אונז ווי א טעפיך אויסגעשפרייט רופען זיך „רקיע", און וואס נאך העכער איז. לאז איך דאס איבער פאר די אסטראנאמען און פאר די מעהרערע וויסענשאפטליכע דענקער. מיין אויפגאבע איז נור צו איבערצייגען אז יעדער פסוק און יעדער מאמר חז"ל הארמאנירט מיט די וויסענשאפט און יעדער וועלכער וועט לערנען א פרשה חומש מיט די הילפע דער וויסענשאפט וועט געוויס אויסרופען „מה רבו מעשיך ה', כולם בחכמה עשית", און וועט אנערקענען תורת משה אלס די העכסטע לעהרע: **יקוו המים.** די וואסערען וועלכע האבען ארומגערינגעלט דעם, גאנצען ערד-באדען און זיינען געוועזען אזוי פיעל דאס זיי האבען פערנומען דעם גאנצען חלל העולם. כמ"ש בב"ר: „כל העולם כלו ימים ואתה אומר אל מקום אחד?" און זיינען פול געוועזען מיט אנגעבלאזענע גאזען און שטיקענדען דאמפף, האט דער ווינד ארויסגעצויגען פון דעם וואסער די אלע גאזען און דאמפף און דער טריקענדער אויר האט דאס מעהרערע וואסער ארויפגעצויגען צום הימעל, האבען די איבעריגע וואסער פון די העכערע ערטער זיך אריינגעצויגען אין די ניעדעריגע ערטער וועלכע זיינען פערוואנדעלט געווארען אין ימים און טייכען, און דארום האט זיך אנגעפאנגען ערד ארויסצוזעהען: **תדשא הארץ דשא.** די אומבייטונג און די איבערוואנדלונג פון די ערד האט איהר דער אלמעכטיגער-עארבייט שטופענווייז פון ניעדעריגעס און ניט געאכטעטעס צו העכערעס און ערהאבענס, פון שטומע ניט בעוועגענדע ערד און שטיינער צו שפראצענדע געוויקסע,

טו וְהָיוּ לִמְאוֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־
16 כֵן׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים אֶת־הַמָּאוֹר
הַגָּדֹל לְמֶמְשֶׁלֶת הַיּוֹם וְאֶת־הַמָּאוֹר הַקָּטֹן לְמֶמְשֶׁלֶת
17 הַלַּיְלָה וְאֵת הַכּוֹכָבִים׃ וַיִּתֵּן אֹתָם אֱלֹהִים בִּרְקִיעַ
18 הַשָּׁמָיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ׃ וְלִמְשֹׁל בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה
וּלְהַבְדִּיל בֵּין הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃
19 וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי׃ פ
כ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִשְׁרְצוּ הַמַּיִם שֶׁרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה וְעוֹף יְעוֹפֵף
21 עַל־הָאָרֶץ עַל־פְּנֵי רְקִיעַ הַשָּׁמָיִם׃ וַיִּבְרָא אֱלֹהִים אֶת־
הַתַּנִּינִם הַגְּדֹלִים וְאֵת כָּל־נֶפֶשׁ הַחַיָּה ׀ הָרֹמֶשֶׂת אֲשֶׁר
שָׁרְצוּ הַמַּיִם לְמִינֵהֶם וְאֵת כָּל־עוֹף כָּנָף לְמִינֵהוּ וַיַּרְא
22 אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים לֵאמֹר פְּרוּ וּרְבוּ
23 וּמִלְאוּ אֶת־הַמַּיִם בַּיַּמִּים וְהָעוֹף יִרֶב בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי־עֶרֶב
וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם חֲמִישִׁי׃ פ
24 וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ בְּהֵמָה
כה וָרֶמֶשׂ וְחַיְתוֹ־אֶרֶץ לְמִינָהּ וַיְהִי־כֵן׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־
חַיַּת הָאָרֶץ לְמִינָהּ וְאֶת־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ וְאֵת כָּל־רֶמֶשׂ
26 הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים
נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף
הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל־הָאָרֶץ וּבְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־
27 הָאָרֶץ׃ וַיִּבְרָא אֱלֹהִים ׀ אֶת־הָאָדָם בְּצַלְמוֹ בְּצֶלֶם אֱלֹהִים
28 בָּרָא אֹתוֹ זָכָר וּנְקֵבָה בָּרָא אֹתָם׃ וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים
וַיֹּאמֶר לָהֶם אֱלֹהִים פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וְכִבְשֻׁהָ
וּרְדוּ בִּדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבְכָל־חַיָּה הָרֹמֶשֶׂת עַל־
29 הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים הִנֵּה נָתַתִּי לָכֶם אֶת־כָּל־עֵשֶׂב ׀
זֹרֵעַ זֶרַע אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ וְאֶת־כָּל־הָעֵץ אֲשֶׁר־
ל בּוֹ פְרִי־עֵץ זֹרֵעַ זָרַע לָכֶם יִהְיֶה לְאָכְלָה׃ וּלְכָל־חַיַּת

תרגום עברית אשכנזית

קרויט וועלכע זוימען טראָגען, פּרוכטבאַרע בוימער וועלכע פרוכט בריינגען צו זיין אַרט, וועלכע זיינע זוימען איז אין איהם אויף דער ערד, און עס ווערט פעסט אַזוי: (יב) און עס בריינגט אַרויס די ערד גראָז, קרויט וועלכע זוימען טראָגען נאָך זיין אַרט, און בוימער וועלכע פּרוכט בריינגען מיט זיינע זוימען אין איהם צו זיין אַרט, און דער אַלמעכטיגער זעהט דאָס עס איז גוט: (יג) און עס ווערט אָוועגד און עס ווערט מאָרגען אַ דריטען טאָג: (יד) און דער אַל־מעכטיגער זאָגט, עס ווערט ליכטער אין די אויסשפּרייטונג דעם הימעל צו שיידען צווישען דעם טאָג און צווישען דער נאַכט און זיי זיינען צו צייכען, און צו צייטען, און צו טעג און צו יאָהרען: (טו) און זיי זיינען צו לייכטען אין דעם אויסשפּרייטונג דעם הימעל צו לייכטען אויף דער ערד און עס ווערט

התורה והדעת

והמים התחתונים שעולים על העננים הם מים בפועל ויתהפכו לגשם וכן גם האויר נבדל העליון דק מאד ואינו ראוי לנשימה, והאויר התחתון להחיות את כל פני האדמה. (ט) יקוו המים. עיין בבאור ריל"ג. ויהי כן לסדר טבעי והקב"ה מחדש בכל יום מעשה בראשית: (יא) תדשא. חכמי הבוטניקה יודו כי להויות הצמחים צריך אך יבשה ומי גשמים וחום ולא השמש, והחום והאור היו קודם. לכן הקדים הצמחים לפני המאורות: דשא. הוא צומח מאליו בלי כח ההולדה והוא מאכל בהמה. עשב הוא מאכל אדם והוא מזריע זרע על ידי

באור ריל"ג

און פון געוויקסע צו לעבעדע און בעוועגענדע, און פון לעבענדע צו ריידענדע, און אין גראָזען איז אויך געווען דאָס זעלבע, פון איינפאַכע פיה־גראָז ביז געשמאַקע קרויטר גראָזען און נאַכהער פרוכטבאַרע בוימער וועלכע האַלטען זיך פון יאָהר צו יאָהר און גיבען אָב זייערע זוימען, און די וועלכע ווערען פערניכטעט, וואַקסען די זעלבע אַדער אַנדערע צוריק. און ביי אַלעם גיבט תחית המתים, אויך די אַלע גראָזען און בוימער זיינען בעשאַפען זכר ונקבה, און זיי קומען צוזאַמען מאַנכעס מאָל דורך דעם ווינד וועלכער בייגט זיי צו איינעם צום צווייטען, און אַנדערע דורך אַזעלכע ווערים וועלכע בריינגען צו די זאַמען פון דעם זכר צו די נקבה: יהי מארת. וואו זיינען די זון, די לבנה און די שטערען? די וויסענשאַפט איבערצייגט דאָס די גאַנצע וועלט מיט אונזער ערד צוזאַמען איז ווי אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט. דער הויפּט קערפּער פון דעם אינסטרומענט איז די זון וועלכע מיר זעהען, די אַלע שטערען זיינען ווי צונגע־קניפּטע צו די זון ווי מיט לאַנגע און אויך קורצע סטרונעס לויט די ווייטקייט פון די שטערען, און אַלע צוזאַמען געהען אין האַרמאָניע לויט דער קאָמפּאָזיטאָר דער בורא יחיד האָט אַנגעשטעלט דעם אינסטרומענט, דאָס יעדער פּלאַנעט זאָל זיך בעוועגען אין זיין ריכטונג, און אַלע שטערען מיט אונזער ערד צוזאַמען בעקומען זייער ליכט פון די זון, און די זון אַליין איז אויך ניט מעהר ווי אַ פינסטערער שייד (ראָם) וואָס נור דורך איהר זעצען דורך די ליכטיגקייט פון ווייטערע העכערע זונען און זי טהיילט איהר ליכט צו יעדען פּלאַנעט, און די זעלבע טאָג און נאַכט וועלכע מיר האָבען, האָבען

תרגום עברית אשכנזית

אַזוי: (טז) און דער אַלמעכטיגער מאַכט די צוויי גרויסע ליכטער, דאָס גרעסערע ליכט צו בעהערשונג דעם טאָג, און דאָס קלענערע ליכט צו בעהערשונג דער נאַכט און די שטערען: (יז) און דער אַלמעכטיגער גיעבט זיי אין די אויסשפרייטונג דעם הימעל צו לייכטען אויף דער ערד: (יח) און צו הערשען ביי טאָג און ביי נאַכט און צו שיידען צווישען דעם ליכט און צווישען דאָס פינסטערניש און דער אַלמעכטיגער זעהט דאָס עס איז גוט: (יט) און עס ווערט אָוונט, און עס ווערט מאָרגען אַ פיערטען טאָג: (כ) און דער אַלמעכטיגער זאָגט דאָס וואַסער ווירמענט וואַסער ווירמען פאַר באַלעבטע וועזענס און פליהענדע וועזענס פליהען איבער דער ערד אין די אויסשפרייטונגס-פלעכע פון הימעל: (כא) און דער אַלמעכטיגער בעשאַפט די גרויסע

התורה והדעת

זורע. עץ פרי עשה פרי על ידי נטיעה ושתילה. למינו, זכרים ונקבות. אשר זרעו בו, כי ההשגחה העליונה הכין בטבע האילנות שיבא פרח הזכר אל קנה הנקבה לפעמים על ידי הרוח ולפעמים על ידי בעלי חיים הנושאים את הפרח מהזכר אל הנקבה. על הארץ, הגרעינים והזרעונים היו מונחים על הארץ מכבר היינו מהבריאה הראשונה: (יד) יהי מארת. אחרי שהשמים הטהרו מהאדים הקטריים והרוח והאויר יבשו את הארץ כל כך עד אשר הוציאה הארץ את צמחיה והאויר אשר היה קודם לכן בערבוביא בא אל מקומו בהשמש ונתהווה מן

באור ריל״ג

אויך די אַנדערע פלאַנעטען. אונזערע אויגען זעהען נור אז די זון געהט אונז ארום איין מאָל אין טאָג פון מזרח צו מערב וואָס באמת געהט דאָס גאָר ארום אונזער ערד. און איין מאָל אין יאָהר געהען מיר ארום פון מערב צו מזרח וואָס דאָס שטעלט אונז צוזאַמען אַ יאָהר. נור וויל מיר בעמערקען דאָס די זון געהט ניט מיט איהר אַלטעג־ליכען גראַדען וועג, נאָר זי בייגט זיך אין די זייטען פון צפון צו דרום און זי קומט אונז אויס זומער צו צפון זייט און ווינטער צו דרום זייט, און דערפון שטעלען זיך צוזאַמען די פיער צייטען פון יאָהר. צייטענווייז שטעלט זיך די לבנה צווישען די ערד און צווישען די זון דאַן ווערט די זון געשלאָגען, און דאָס הייסט לקוי החמה, און צייטענווייז שטעלט זיך די ערד צווישען די לבנה און די זון, און די לבנה ווערט גע־שלאָגען. הייסט דאָס לקוי לבנה, און די אַסטראָנאָמען רעכענען אויס זאָגאַר די סע־קונדע פון יעדען לקוי לויט דעם רעכענונג פון די פלאַנעטען בעוועגונג, און דאַרום האָט אונז די תורה צוזאַמענגעשטעלט די צייט לאותות ולמועדים ולימים ולשנים, וויל מיר האָבען זיי נייטיג צו שטודירען פאַר אונזער ערד, אָבער אויך די איבעריגע שטע־רען האָבען די זעלבע טאָג און נאַכט לויט דעם רעכענונג ווי זיי דרעהען זיך ארום זייערע אַקסען ארום די זון. צב״ש דער פלאַנעט נגה (ווענוס) האָט 21 שטונדען מיט 21 מינוטען אין זיין מעת לעת, מאדים (מאַרס) האָט 24 שטונדען מיט 39 מינוטען, דער פלאַנעט צדק (יופיטער) האָט זיין טאָג 9 שטונדען מיט 56 מינוטען און זאַ ווייטער. און אין זייער ארומרינגלונג ארום די זון קומען אויס די יאָהרען פון פלאַנעט

תרגום עברית אשכנזית

ים־טהירען און אלע באלעבטע וועזענס די קריכענדע וועלכע דער וואסער ווירמענט צו איהר ארט, און אלע געפליגעלטע פויגלען נאך זייער ארט, און דער אלמעכטיגער זעהט דאס עס איז גוט: (כב) און דער אלמעכטיגער בענטשט זיי, און זאגט, זייט פרוכטבאר, מעהרט אייך, און ערפיהלט די וואסערען און די ימים, און די פליהענדע מעהרט זיך אויף דער ערד: (כג) און עס ווערט אוהענד און עס ווערט מארגען א פינפטער טאג: (כד) און דער אלמעכטיגער זאגט, ברייננג ארויף די ערד זעעלען טיהרע אלערליי ארט, פיהע, און ערד־קריכענדע און ווילדע טיהרע אלערליי ארט און אזוי איז דאס געשעהן: (כה) און דער אלמעכטיגער מאכט די ווילדע ערד־טיהרע נאך זייער ארט, די פיהע נאך זייער ארט און אלע ערדישע ווערים נאך איהר ארט, און דער

התורה והדעת

האור מאור גדול להאיר על הארץ למען יוכלו בעלי חיים והצמחים לסבול את האור לפי טבעם, וגם הירח והכוכבים נקראים מאורות הגם שמקבלים את אורם מהשמש, בכל זאת הם מאירים להבדיל בין היום ובין הלילה: לאתת. לעוברי דרכים והולכי הים שעל ידם יוכלו להכיר את מהלכם בין בים ובין ביבשה. ולמועדים, זרע וקציר וחום וקיץ וחורף. ולימים, מדת היום ומדת הלילה. ושנים, שישלמו מהלכם בכל שנה וישובו בדרך אשר הלכו בה. ושנת החמה בשס״ה ימים ושנת הלבנה בשנ״ה ימים:

באור ריל״ג

נגה 224 מיט דריי פערטעל שטונדע אין זיין יאהר, און דער פלאנעט **מאדים** איז 686 טעג מיט 23 שטונדען מיט האלב, און דער יאהר פון **צדק** איז 4332 טעג מיט 14 שטונדען און זא ווייטער. אויך זיי האבען זייערע צייטען פון יאהר מיט זייערע לקויים: **מארת הגדולים.** די תורה הקדושה רופט אויך אז די לבנה המאור הגדול, ארוואהל די לבנה איז זעהר א קליינער פלאנעט, נור וויל די לבנה איז זעהר נאהענט צו אונז און זי איז די בעגלייטערין פון אונזער ערד. און אין אונזערע אויגען זעהט זי אוים זעהר גרויס רופט איהר אז די תורה המאור הגדול, און די תורה איז געגעבען פאר אונזערע ערדישע מענשען און ניט פאר די הימעלשע, און פאר אונז איז די לבנה גרויס: **ישרצו המים.** די וויסענשאפט וועלכע האט פראגרעסירט אין אונזער צייט און וועלכע טהוט וואונדער מיט איהרע כעמישע, פיזישע און טעכנישע ערפינדונגען, ספעציעל מיט די כעמישע פעראייניגונג פון פערשיעדענע מינעראלען און שטאפען צו קענען מאכען פערשיעדענע נייע ערפינדונגען מיט זייער שטאף, וואסער שטאף. קוילען שטאף, אבער די אלע זיינען ניט אים שטאנדע צו בעשאפען א לעבעדיגען ווארעם אדער א פליעג. מעגליך אז די פילאזאפיע האט רעכט מיט איהרע פראבירענדע בעווייזע פון די אלגעמיינע ענטוויקלונג פון שטאפעל צו שטאפעל פון א ווארעם ביז א עלפאנט, פון א פליעג ביז א גורילא, ספעציעל דער געלעהרטער דארווין. אבער די ערשטע געשעפע וועלכע האט זיך אנגעפאנגען צו בעוועגען און צו לעבען, פון וואנען איז ער געקומען. ווי איז ער בעשאפען געווארען. ווער האט איהם געבארען?

באור ריל״ג

שוין דאכט זיך אויסגעפונען מיט מיקראסקאפישע גלעזער די מיליארדען בעלי חיים וועלכע זיינען פון שמוץ געבארען, און פון קראנקע מאטעריע פון מענשען און פון פיהע, ניט פראפעסאר הארווי מיט זיין בעשטימטען מיינונג, אז אלעס איז בעשאַפן פון אן איי, און ניט פראפעסאר אקען מיט איבערצויגענע פליסיגקייט נאך פון די גאר אלטע צייטען וועלכע געפינט זיך ביי יעדע לעבעדיגע געשעפע אין איהר געבער צייט, וואס דערפון קייטלען זיך אלע שפּעטערדיגע געשעפע. און ניט אלע געלעהרטע קענען אויס־געפינען דעם סוד פון לעבען, דאס איז גאטס געהיימנים און דאס וואס די וויסענשאפט וויל איבערצייגען זאגט די תורה אליין: תוצא הארץ נפש חיה, ישרצו המים, דאס הייסט די ערד זאל ארויסגעבען געשעפע פון איהרע עלעמענטען, און די וואסער זאל ווירמען פון איהרע עלעמענטען, און דעם לעבען אין יעדע געשעפע וועל איך גאט אליין נור געבען: אדם. דער ווארט און דער נאמען „אדם“, וועלכען די תורה ערניעדעריגט מיט דיעזען נאמען די קערפערליכע זייטע פון דעם אלגעמיינעם מענשען צו דער ערד, און איבערצייגט מיט דעם נאמען „אדם“ דאס דער מענש איז גענומען פון ערד, און ווי הויך דער מענש איז גייסטיג, ווייל יעדער וויסענשאפטליכער מענש האט אין זיך א גרויסען טהייל גאטהייט, ווי דוד המלך ע״ה האט געזאגט „ותחסרהו מעט מאלהים“, אזוי ניעדעריג און געבראכען איז דער מענש קערפערליך, ערדיש גע־בארען, און שוואך אין קערפער, אין די נאטירליכע ווי די געבורטיגע זייט איז ער ניט מעהר העכער פון א בהמה, איז דאך דער מענש בעשאפען צו זיין דער קעניג איבער אלע געשעפע און דער גאנצער ערד בעהערשער. דער תלמוד און די מדרשים ריידען איבער דעם מענשען פון א מאראלישען שטאנדפונקט ווי פאלגט: „דער מענש איז בעשאפען געווארען די לעצטע בריאה, און ווען ער וואלט געוועזן דער ערשטער בעשאפען וואלט ער זאגען אז ער איז א שותף צו גאט אין די וועלט בעשאפונג, ער דער מענש איז בעשאפען פון אלע טהיילען ערד פון דער גאנצער וועלט, צו איבערצייגען אז דער מענש האט א רעכט צו לעבען אין אלע וועלט־טהיילען אהנע צו שטערען איהם, און עס זאל ניט זאגען וועלכע עס איז קעניגרייך, דאס דיעזע ערד איז נאר אונזערע און קיין אנדער מענש האט אין איהר קיין רעכט צו לעבען. פון אלע וועלט-טהיילען איז דער מענש בעשאפען אום ער זאל קענען לעבען אין אלע קלימאטען פון אלע וועלט־טהיילען. אדם הראשון האט ניט געגעסען וואו ער האט בעפאר ניט געארבייט“. און נאך אזעלכע שעהנע מאמרים געפינען זיך אין ברכות ל׳, סנהדרין ל״ח, פסחים נ״ד, אדר״נ פ״א. ע״ז ח׳. און דאס אלעס איבערצייגט ווי ערהאבען עס איז אונזער תלמוד נעגען די לעהרע פון אנדערע פעלקער וועלכע ערהויבען דעם מענשען אזוי הויך דאס דער מענש קען פערגעסען אז ער איז שטערבענד. די בעוואהנער פון אינדיען רופען דעם מענשען „מאניא“, דאס הייסט דער העכסטער דענקער. די גריכען האבען דעם מענשען גערופען „אנטראפאס“, דער הימעל קוקער. די רוימער האבען איהם גערופען „האמא“, דער לעבעדיגער רעדנער. אלטע פעלקער האבען געגלויבט אז דער מענש איז בעשאפען געווארען פון גאטס קערפער וועלכער האט זיך גערופען „בראהאמא“, די פריסטער זיינען בעשאפען פון זיין קאפ, די סאלדאטען פון זיין הארץ, און די ארבייטער פון זיין בויך. די כשדים האבען געגלויבט אז דער מענש איז בעשאפען פון גאטס בלוט. און דארום מוז מען דעם מענשען צוטהיילען געטליכע עהרע: ויברך אלהים

תרגום עברית אשכנזית

אַלמעכטיגער זעהט דאָס עס איז גוט: (כו) און דער אַלמעכטיגער זאָגט לאָמיר מאַכען איין מענשען אין אונזער בילד ווי אונזער עהנליכקייט, און זיי זאָלען רעגירען איבער די ים־פישען, און איבער די הימעל־פליהענדע, און איבער די פיהע, און איבער די גאַנצע ערד, און איבער די ווערים וועלכע ווירמענען זיך אויף דער ערד: (כז) און גאָט בעשאַפט דעם מענשען אין זיין בילד, אין דעם אַלמעכטיגען׳ס בילד בעשאַפט ער איהם. מענליך און ווייבליך בעשאַפט ער זיי: (כח) און דער אַלמעכטיגער בענטשט זיי, און דער אַלמעכטיגער זאָגט צו זיי, פרוכטבאַר, מעהרט אייך, פילט אָן די ערד, און בעצווינגט איהר, און הערשט איבער די פיש פון ים און איבער די פויגלען פון הימעל, און איבער אַלע טהירע די וועלכע קריכען אויף דער ערד: (כט) און דער

התורה והדעת

שרץ נפש חיה. לבד ממערכת הדגים החיים במים ומטילין ביצים יש גם בים חיות אשר הם חיים בים וביבשה. ועוף יעופף, גם בזה מודים חכמי הפילוסופים כחכמי התלמוד שגם העוף נברא מן המים, וגם הם חולקים כרבותינו שיש אומרים שמן רקק נברא כל עוף כנף ויש אומרים כי ממים ומיבשה נבראו: (כד) תצא הארץ נפש חיה. הנשמה המשכלת של האדם נבראה ביחוד, אבל רוח החיוני וכחות נפש החיים נכללים עם כל בהמות וחיתו ארץ גם הפש הבהמיות של האדם: (כו) נעשה אדם. בכל הנבראים נתן אלהים את הכח לשרוץ ולהוציא יש מיש

באור ריל״ג

את יום השביעי ויקדש אותו. אזוי ווי שבת איז ביי אונז דער גרעסטער יסוד פון אונזער אמונה, צו זיין אין דיעזען טאָג מעהרער גייסטיג איבערגעגעבען און ניט צו אַרבייטען אין דעם שבת טאָג. און די תורה גיט אונז אַ סימבאָל פון גאָט, כי בו שבת מכל מלאכתו, דאָס גאָט האָט אויפגעהערט אין דעם טאָג צו בעשאַפען. און ער האָט דיעזען טאָג פערגייסטיגט און פערהייליגט פאַר די צוקונפטיגע מענשהייט אויך צו בעגייסטערען און צו פערהייליגען דיעזען שבת טאָג. מוזען מיר אויפמערקזאַם מאַכען און פרעגען, ווארום האָט גאָט אויפגעהערט ענדע זעקסטען טאָג צו בעשאַפען? ווארום האָט דער בורא פערהייליגט נאָר דעם טאָג? און האָט אונז געהייסען קעמפפען פאַר דיעזען טאָג נור צו הייליגען איהם? מיר וועלען דאָ געבען אַ קורצען אָבער וויכטיגען בעגריעף איבער דיעזען הייליגען שבת און ערקלעהרען איהם וויסענשאַפטליך און היסטאָריש. און פון דיעזע ערקלעהרונג וועט איהר אַ בעגריעף האָבען אין די לעהרען איבער גאָטהייט (מיטהאָלאָגיע) פון די אַלטע און ערשטע פעלקער, ווי פאָלגט: נאָך דעם אַז די ערשטע פערסיאַנער האָבען אין זייער מעשה בראשית לעגענדען פערהייליגט די געוויקסע פון דער ערד און זאָגענדיג אַז דער ערשטער מענש איז בעשאַפען געוואָרען פון אַ בוים און האָבען דעם מענשענס גליעדער אָנגערופען מיט די נעמען פון צווייגען, און אזוי אויך דעם מענשענס געדאַנק, דאָס זאָגאָר מיר געפינען די זעלבע נעמען אין לשון קודש אויך, צב״ש שרש, גזע, כפות, מטה, שבט, בדים, תלתלים, דליות, געהערען צו דעם מענשענס אָבשטאַמונג, איז אויך דער זעלבער מיינונג, ווייל די סקאַנ־

באור ריל"ג

דינאווישע פעלקער האבען אויך די מענשליכע טהאט אנגערופען מיט בוימער נעמען: געדאנקען זאכען איז אויך אין לשון קודש גענומען פון ביימער, צב"ש סעיף, שרעף, אמר (אמיר), דבר (מדבר), מלל (מלילות), שיח (שיח השדה, שיח לארץ), זמר (זמורה) האבען די ערשטע פעלקער אנגעפאנגען בעטראכטען דעם לעבען פון די געוויקסע און האבען אויסגעפונען אז אין אלעם איז ניטא קיין איינס, נור יעדע זאך איז צוויי, א זכר מיט א נקבה א באב, אן ארבעס, א גריקע, א ווייץ, ביז א בלאט פון א בוים, איז אלעם צוויי האלבע אונטער איין העמד וועלכע פערוויקעלט זיי, יעדער בלאט איז אויך געטהיילט אין צווייען, און פון די צוויי צוזאמען געהט ארויס אן איינס, דאס שפיציגעס וועלכע זעהט זיך ארויס פון דעם באב אדער ארבעס, און דאס דער געבער־גליד. אויך אויף דעם מענשען האבען זיי אויסגעפונען אז דער איינצעלנער מענש איז אויך פון צוויי, צוויי אויגען, צוויי נאז לעכער, צוויי אויערען, צוויי הענד, צוויי פיס, די זייטען, די לונגען, די מארכען, אלעס צו צוויי, און איין זייט איז א שוואכע און די אנדערע איז א שטארקע, א שוואכע אויג און א שטארקע אויג, א שוואכע האנד און די צווייטע איז א שטארקע האנד, און אזוי די פיס מיט די איבעריגע גליעדער. די שוואכע זייט איז די נקבה און די שטארקע איז דער זכר, אויסער צום געבערען איז דער אבר הזכר פאר דעם קערפערליכען זייט אן איינס, און דער געדאנקען איז אויך אן איינס פאר די געטליכע זייט פון דעם מענשען, און דאס אלעס בעטראכטענדיג האבען זיי בעמערקט אין די נאטור אליין אז זי איז אויך אין צווייען, צב"ש טאג מיט נאכט, ליכט און פינסטער, זומער מיט ווינטער, לעבען מיט שטארבען, בעוואקסענע לאנד מיט מדבר, דאס אלעס האט זיי געמאכט צו דענקען, אז עס גיבען צוויי געטער, איינער וועלכער בעשאפט ליכט און דער צווייטער בעשאפט פינסטערניש, איינער מאכט געבערען און איינער מאכט שטארבען, איינער מאכט זומער צום וואקסען און בליהען און דער צווייטער געהט איהם גענען, וועלכער מאכט וויסטעניש, פינסטערניש און ־עם שרעקליכען ווינטער צום וועלקען און פערניכטען. נאך זייער אלטע לעהרע איז די וועלט בעשאפען געווען דורכאויס ליכט, נור די אייביגע צוויי האבען זיך צוקריעגט און די מאן און ווייב פון די נאטור לעבען ניט גוט און טוהען איינע געגען די אנדערע נור להכעים. די צוויי געטער האבען די פעלקער גערופען מיט פערשיעדענע נעמען לויט זייערע לענדער און שפראכען, ווי אחרימן און ארמוצד ביי די פערסיאנער, קדישא און ווישנא ביי די אינדיאנער, אזירים און איזים ביי די עגיפטער. און אבוואהל זיי האבען צו די ביימער געטער געדיענט, ווייל זיי זיינען געווען דער סימבאל פון געבערען (און ־י תורה הקדושה מיט די נביאים האבען פערבאטען דאס אידען זאל זיך בעשעפטיגען מיט די עבודה זרה, ווייל די ביימער דיענסט איז געווען פערבונדען מיט זנות, כי רוח זנונים התעה, תחת אלון ולבנה ואלה, הושע ב', אדער תחת כל עץ רענן את צעה זונה. דיעזער זנות־גאט האט געהייסען פריאפוס. (ראה דולאורע הצרפתי צד 48־42). און ווייל די געבערען געטער די גוטע זיינען פערבונדען איינער מיט דעם צווייטען צב"ש דער זון־גאט איז פערבונדען מיט די ערד, די זון ווארעמט און די ערד געבערט, דאס הייסט די זון בעמאנט די ערד, די זון איז דער זכר און די ערד איז די נקבה, און די ערד האבען זיי גערופען בכלל „דאס מעדכען ערד", דאס הייסט די ערד בלייבט אימער א מיידעל, ווייל אלע יאהר געבערט זי און זי בלייבט אן עהרליכע. און שפע־

באור ריל״ג

קין והבל. די פרעגענדע וועלט, וועלכע זוכען נור חסרונות אין יעדע אנשטענדיגע זאַך, מיידען אויך ניט אוים די ערצעהלונג פון קין און הבל מיט די פראַגע, ווי פּאַסט דאָס פאַר אַזא הומאַניסטישע תורה ווי תורת משה צו דערצעהלען דאָס ווען די גאַנצע וועלט איז בעשטאַנען נור פון צוויי מענשען, און נאָך ברידער דערצו, זאָל איין ברודער דעם צווייטען ערמאָרדען און גאָט זאָל נאָך איהם מוחל זיין. אונזערע געלעהרטע זיינען מפרש דיעזע געשיכטע פערשיעדען, אַנדערע ווי די געשיכטע איז געשריבען, און אַנדערע אַלעגאָריש אָדער פילאָזאָפיש, און אַלע געהען כמעט אין איין מיינונג פון אידעאַליזמוס און בעלעהרונג פאַר די מענשהייט. די ניט-אידישע דענקער געהען אין זייערע ערקלעהרונגען פשוט און ניט בעדייטעד. זאָגאָר אַ געוויסער דייטשער פילאָזאָף, אפרים לעסיג, דריקט זיך אוים אַן איבערצייגונג איבער די געשיכטע פון הבל און קין אַלס סימבאָל פון אמונה, דאָס ווען די וועלט זאָלען נור צוויי ברידער זיין און אויסער זיי קיין איינער ניט. איז איבער אַן אָפּפער צו גאָט, וואָס איין ברודער וועט זיין אָפּפער ברייגגען אויף אַ געוויסען אַרט, און זיין צווייטער ברודער וועט זיין אָפּפער ברייגגען אויף אַן אַנדער אַרט, וועלכען דעם ערשטען ברודער זאָל עס ניט געפעלען זייז, וועט איין ברודער דעם צווייטען ערמאָרדען. און דיעזע ערצעהלונג איז ניט מעהר ווי אַן אַנווייזונג אויף די צוקינפטיגע דורות, אויף דעם געפעהרליכען

תרגום עברית אשכנזית

אין פערלויף פון יאהרען האט קין געבראכט פון די ערד פרוכט איין געשאנק צו גאט: (ד) און הבל בריינגט אויך פון זיינע ערשט-געבוירענע שאף און פון די פעטסטע, און גאט װענדעט זיך צו הבל און צו זיין געשאנק: (ה) און צו קין און צו זיין געשאנק האט ער זיך ניט געװענדעט, און דאס האט קין'ען זעהר פערדראסען, און ער איז ארונטער פון געזיכט: (ו) און גאט זאגט צו קין, װארום פארדריסט דיר, און װארום ביזט דו ארונטער פון געזיכט: (ז) װען

התורה והדעת

כי זה דרך טבעי להחל בקטן ולכלות בגדול, ואחרי אשר עשה לו עדרים הוטלו מזונותיהם עליו, והוכרח לבקש להם מרעה ולהחיותם. ובזה נחלקו חברת בני האדם לשתים, אחד עובד אדמה ואחד רועה צאן. אך הבדל גדול היה ביניהם, העובד את האדמה יעמול מבוקר עד ערב לדשן את אדמתו ולהשקותה לזרוע ולקצור והרבה יגיעות לו עד אשר ימצא פת לאכול יען כי עבודת אדמה נופלת תחת יד ההשגחה, יש אשר עמלו יחרב מחרבוני קיץ, או שן בהמות ישולח בם, או ארבה כי יעלה, או ברד כי ירד וישחית שדהו וכאשר יראה את רעהו הרועה צאן יושב בחבוק ידים, צאנו נטוש על נאות דשא והוא שמח ורוחו חפשי ועבודתו מועטה ומבלי כל עמל שכרו הרבה מאד גם בשר גם חלב מבכורות צאנו ואינו יודע כל תמורה וכל מקרה. הוציא העובד את האדמה משפט מעוקל ויחליט כי אך אחיו הרועה מצא חן בעיני ה' וברכת ה' רק עליו, ואליו העובד את האדמה לא ישעה ה' כי על כן תקולל

באור ריל"ג

רעליגיעזען האס, קנאה און שנאת הדת. אבער אזעלכע איבערציינגונגען הארמאנירען ניט מיט אונזער הומאנישע תורה, װעלכע לערענט אונז צו ליעבען און אכטען דעם יעניגען װעלכער גלויבט זאגאר אנדערש װי מיר גלויבען, כמו ואהבתם את הגר, וגר לא תונה, כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ה'. אלזא אום צו פער־איינינגען אלע מיינונגען און קומען צו איין געװיסען רעזולטאט, קומען מיר יעצט צו זאגען דאס די ערשטע גאטס קללה, אז מיט שװייס זאל דער מענש בעקומען זיין ברויט האט דאס דעם ערשטען געטראפען קין'ען, דעם ערשטען ערד־ארבייטער, װעלכען דער דעת האט איהם געװאלט בילדען אין ערד-ארבייט, נור די שטייןערנע עפאכע װעלכע קיין אייזען איז איהם נאך צו הילפע ניט געקומען, און ער האט פון די ערד זיין ברויט זעהר שװער ערװארבען, ארבייטענדיג בלויז מיט שטיינער און העלצער. און איז געװען אונטערװארפען אונטער די אומשטענדען פון די נאטור, דאס מאנכעס מאהל זעעט ער און עס װאקסט ניט, און װען עס װאקסט שוין יא, צוברעכט דאס דער האגעל, אדער א פערפלייצונג שװיינקט אב זיין מיהע, אדער בהמות צוטרעטען עס, אדער די זון ברענט עס אב, און נאך אנדערע צופעלע, װעלכע בריינגען איהם צו ארמוטה און צו הונגערען. דאגעגען זיין ברודער הבל װעלכע האט זיך צוגעװאהנט צו די מילך, װאס דאס האט איהם געבראכט צו פערנעהמען מעהרערע שאף און זיי צו היטען און צו שפייזען, װאס דערביי האט ער קיין ארבייט ניט נור פערגעניגען, זיצענדיג אויף דעם גריענם גראז און צוזינגען אדער צושפילען, װייל מילך האט ער געהאט גענוג, פלייש װיפיעל ער װיל, װאל און פעל זיך צו בעדעקען און זיך װארעמען

תרגום עברית אשכנזית

דו וועסט זיך בעסערן צו ברייגגען, און אויב דו וועסט זיך ניט בעסערן, וועהרענד ביי דער טיר ליגט דיין זינד, און צו דיר איז איהרע ווינשע, און דו הערשט אין איהם: (ח) און קין זאָגט צו זיין ברודער הבל, ווען אָבער זיי זיינען אין פעלד געווען, איז אויפגעשטאַנען קין געגען זיין ברודער הבל און ער האָט איהם דערשלאָגען: (ט) און גאָט זאָגט צו קין, וואו איז דיין ברודער הבל? און ער זאָגט, איך וויים ניט, בין איך דען מיין ברודער'ס היטער?

התורה והדעת

חלקתו בארץ. ויהי עובד האדמה עוין את רועה הצאן וקנאתו על אָשרו ועשרו מצא השנאָה קן בלבבו עד אשר החליט לנקום מאחיו רועה הצאן. ואם נשער בנפשנו כי לחכו עדרי הבל את שדות קין ואז בערה בקין חמתו ובעצם המריבה קם קין על הבל אחיו ויהרגהו. ועתה מספרים לנו הכתובים כי שניהם הביאו מנחה לה', כלומר שניהם חכו לחסדי ההשגחה, רק להבל רועה הצאן הצליח ה' ולמנחתו השמנה שעה ה' כי נפל לו חבל בנעימים, ואל קין עובד האדמה לא שעה אל מנחתו הדלה מפרי הארץ כי אותו לא הצליח ה' ולכן קם קין על הבל אחיו ויהרגהו, ובעת חרה אף קין על הבל אחיו העשיר בא עמו ההשגחה בדברים לאמר, למה חרה לך ולמה נפלו פניך: (ז) הלא אם תטיב שאת, המשאת והמנחה, ואם לא תטיב את המשאת אחת היא לפני ה', כלומר אם תהיה עשיר כאָחיך ותתעשר עוד יותר ממנו ואם תהיה עני מדוכא אחת היא לפני, כי מה מידך אקח רק ברצון ה' לדעת אם באמת עץ הדעת

באור ריל"ג

האָט ער אויך געהאַט געגוג. דאָס אַלעס האָט פאַרדראָסען זיין אָרעמען ברודער קין, דעם ארבייטער,, מיינענדיג דאָס גאָט בעגליקט נור דעם רייכען, זיין פּרעזענט אַלס לײדיג געהער נעמט די געטליכע וויסענשאַפט, אָבער דעם אָרימאַן, דעם ביטערען אַרבייטער, בעגליקט ער ניט זיין פּרעזענט צו די ענטוויקלונג פון אַקערבוי און די געטליכע וויסענשאַפט נעמט זי ניט אָן. ווייל וואָס ער טהוט געהט די השגחה איהם דאַגעגען. דארום האָט קין ערמאָרדעט זיין קאַפּיטאַליסטישען ברודער, מיינענדיג דאָס מיט זיין טויט וועט אָבשטאַרבען דער קאַפּיטאַל פון זיין צייט, און ער וועט דאָס קענען ירש'ענען און אויסקלויבען וועלכע פאַר איהם בעסער איז, און די השגחה פּרטית וועט שוין איהם מעהר אין וועג ניט שטעהן. ניט וויסענדיג דאָס יעדערער איז בעשאַפען צו זיין פעהיג נור צו געוויסע זאַכען אָבער ניט פאַר אַלעס און איינער אָהן דעם צווייטענס אַרבייט קען גאַר ניט אויסקומען, און יעדערער מוז בייטען זיין ארבייט פאַר דעם צווייטענס ארבייט. ווייל ווען גאָט וויל געבען שטאַרקע היצען אָדער גרויסע שטורעם רעגענס אויף אַ געוויסע טהייל וועלט קען ניט געאַכטעט ווערען וואָס ביי געוויסע איינצעלנע פערזאָנען וועט אָבברענען זייערע פעלדער פון זון-היץ, אָדער ביי יעמאַנד וועט דער רעגען שטורעם פערפלייצען זיין פעלד, וועהרענד אַ גרויסע טהייל וועלט דאַרף אָבער נויטיג די זונשיין אָדער דעם שטאַרקען רעגען, און קיין איינצעלנער פּערזאָן קען זיך ניט בעקלאַגען ווארום גאָט מאַכט ניט דאָס וואָס ער וויל, דען נאָר איין מאָהל האָט דער בורא יחיד אָבגעגעבען צו דער טבע דאָס די טבע זאָל זיך פיהרען זוי ער האָט איהר נאָך פון אַנפאַנג אָן בעשטימט, און די טבע קען ניט געביטען ווערען

תרגום עברית אשכנזית

(י) און ער זאָגט, וואָס האָסט דו דאָס געטהאָן! די שטימע פון דיין ברו־
דרע'ס בלוט שרייט אַרויס פון דער ערד צו מיר: (יא) און פון יעצט אָן,
זיי פערפלוכט פון די ערד, וועלכע האָט געעפענט איהר מויל אַנצונעהמען דיין
ברודער'ס בלוט פון דיין האַנד: (יב) ווען דו ווען בעאַרבייטען די ערד,
זאָל זי איהר קרעפטע דיר מעהר ניט געבען, וואַגלענדיג און אַרומטרייבענדיג
זאָלסט דו זיין אין לאַנד: (יג) און קין זאָגט צו גאָט, מיין שטראָפע איז צו

התורה והדעת

הועיל לך לבא אל תכלית השלמת האדם הנני רואה כי הדעת אשר קנית בעזבך את הטבע היא אך דעת גופנית ולא דעת רוחנית, כי לפתח חטאתך רובץ, ואליך תשוקתך, ולך למשול בו: (ט) אי הבל. היא פתיחת דברים כמו שאמר לאדם איכה: השומר אחי אנכי. הלא אתה ה' השומר מן הפגעים הטבעיים ומן רעות בני האדם ולמה לא שמרת אותו שלא אהרגנו. ואחר שגזרת שיהרג הייתי מוכרח על הדבר הזה. וז"ש במדרש לא אני הרגתיו אלא אתה שנתת בי יצר הרע: (י) קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה. צועקים ומבקשים משפט, ואין צועקים אלי מן השמים לבקש ממני עונש שמימי רק צועקים מן האדמה למטה היינו מן הטבע: (יא) ועתה ארור אתה מן האדמה. האדמה תקלל אותך וחלקך תקולל בארץ, ואם כל מכונת הדעת (מאַשינערי דער וויסענשאַפט) אשר רכשת בעזבך הטבע בכל זאת: (יב) כי תעבד את האדמה לא תסף תת כחה לך, הדעת לא תתן אותך שתעמוד עליה רק נע ונד תהיה בארץ

באור ריל"ג

צוליעב דעם ווילען פון איין מענשען. נור גראַדע אין שלעכטע אומשטענדען האָט גאָט אריינגעגעבען אין די טבע פון אַלע ברואים דאָס אין אַ געפאַהר זאָלען זיי זיך העלפען איינער דעם צווייטען פון זיין אייגענעם מין. אַ הונד, אַ שוויין, אָדער אַנדערע חיות, ווען מען שלאָגט זיי און זיי שרייען, רופען זיי מיט דעם געשרעה דאָס זייער מין זאָל זיי קומען צו הילף, און אז עס ברעכט אויס אַ פייער אין אַ הויז, אָדער חלילה אַן אַנדער אומגליק, און דער מענש שרייט גוואַלד, אָדער רעטעט, רופט ער אויך זיינע מיט מענשען זאָלען איהם צו הילף קומען, ווייל דאָס אַלעס ליגט אין דער טבע, און קיינער זאָגט ניט שטילערהייט צו גאָט פערלעש דעם פייער, אָדער רעטע מיר פון די מערדער. אַלזאָ צו העלפען איינער דעם צווייטען איז יאָ אין די נאַטור, אָבער ניט דער שטאַרקער זאָל מיט גוואַלד אָבנעמען פון צווייטען זיין בעזיץ, פאַר קיין אַנדער אורזאַך נאָר ווייל ער איז שטאַרקער, אָדער איהם צו מאָרדען, דאַרום זאָגט גאָט „קול דמי אחיך צועקים אלי מן האדמה", די שטימע פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר, ניט פון דעם הימעל, איך האָב ניט פאַר דיר קיין הימעל שטראָף, נור זיי שרייען פון די ערד, די ערד זעלבסט בעשטראָפט דיר. דיין ניט בענוגענהייט וועט דיר ברייגען צו זוכען און צו זיין פערוואָגעלט אויף דער ערד, און אייביג זוכענדיג און ניעמאָלס האָבענדיג וועט עס דיר געווים ברייגען צו חרטה אויף דיין רויב און מאָרד, וואָרום די חרטה אליין פערצעהרט און פערניכטעט דעם זינדיגען. זי אליין בעשטראָפט איהם, דאָס הייסט ניט גאָט נאָר דער מענש בעשטראָפט זיך אַליין. און אַזוי ווי דיעזע ערצעהלונג איז די ערשטע לעהרע פון פערדאָרבענהייט פון דער וויסענשאַפט פאַר דעם קערפער, האָט

תרגום עברית אשכנזית

גרוים צו פערטראָגען : (יד) זעה, דו האָסט מיר היינט פערטריבען פון דיעזע ערד, און פון דיין געזיכט זאָל איך פאַרבאָרגען זיין, און נאָך זיין פאַר־וואָגעלט און אַרומגעטריבען אויף דער ערד, איז דאָך יעדערער וואָס וועט מיר טרעפען, וועט דאָך מיר אומבריינגען : (טו) זאָגט צו איהם גאָט, דערפאַר, ווער עס וועט קין אומבריינגען, זיעבענפאַכיג זאָל יענער גערעכענט ווערען, און גאָט מאַכט קין'ען אַיין צייכען, דאָס ניט צו דערשלאָגען איהם יעדערער וואָס

התורה והדעת

לבקש את זאת אשר לעולם לא תמצא : (יג) גדול עוני מנשוא. הודה קין כי הדעת בעצמה מבלי עזר לה מן השמים אין בכחה למלט את האדם מפגעים אם האל לא ישמרנו (הרמב"ן) : (יד) והיה כל מוצאי יהרגני. אם אָמנם כי הדעת לא תתנני לשבת על מקום אחד כי התשוקה תגרש אותי לדרוש ולבקש יותר ויותר אַך עוד רעה מזה אשר כל מוצאי יהרגני כלומר הדעת בעצמה לא תעכב את האדם מבלי היות רוצח הורג נפש אחיו אם לא יהיה יראת ה' **על פניו** תמיד : (טו) וישם ה' לקין אות. נחלקו רז"ל במהות האות הזה. ובב"ר אמרו ר' אבא אמר כלב מסר לו שילך לפניו ולמקום שיפנה הכלב ללכת ידע כי שם צוה לו ה' ולא יהרג : השם הבל בלי שום טעם כמו בקין קניתי איש את ה'. דעת הרמב"ן הוא סוד השם הזה. וחוקרי קדמוניות אומרים שבשפת אשור הקדומה השם הבל הוא בן. כך כתב ידידי הרב החכם רא"ח ראַזענבערג. ואולי השם הזה הוא נשימת רוח או על ענין ריק ותהו ונקרא

באור ריל"ג

גאָט געהייסען משה רבנו דיעזע פרשה צו שרייבען אין די תורה אום צו איבערצייגען דאָס דער קערפערליכער עץ הדעת ברייננט דעם מענשען צו בלוט פערגיסונג און צום ענדע פלאַגענדע חרטה, און צו זיין נע ונד אויף דער וועלט. דארום זאָגט קין גדול עוני מנשא. ניט אַזוי אָבער איז די געטליכע וויסענשאַפט, זי ברייננט קיינמאָל ניט צו בלוט־פערגיסונג און צו חרטה אויף דאָס וואָס מען טהוט נור גוטעס. געטליכקייט איז אַ טרייסט אין אונגליק, אַ היילונג פאַר דעם גייסט, ששכר מצוה מצוה ושכר עברה עברה. קינ'ען האָט גאָט ניט געדאַרפט בעשטראָפען מיט דעם טויט, ער האָט זיך אַליין בעשטראָפט :

למך מיט זיינע ווייבער

ויאמר למך לנשיו. לויט היסטאָרישען שטאַנדפונקט מוזען מיר ניט אָננעהמען די מיינונגען פון רמב"ן ז"ל, מלבי"ם, ווי אויך החכם מענדעלסאָהן אין זיין באור. ווארום די פסוקים צייגען גאָר וואָס אַנדערש, נעמליך : ויקח לו למך שתי נשים, איבער־צייגט זיך, דאָס ביז למך האָט יעדער גענומען בלויז איין ווייב, נור דיעזער למך איז געוועזען דער ערשטער וועלכער האָט איבערגעטראָטען די געזעצע פון איין פרוי צו נעמען, און ער האָט גענומען צוויי ווייבער, מיט דעם צוועק צו געבערען מעהר קינדער, אום צו האָבען מעהר אַרבייטער, ווייל אין זיין צייט האָט זיך געמעהרט דאָס רייכטהום פון פיה־צוכט, ווי אויך האָט זיך אין זיין צייט שוין ענטוויקעלט די אייזען און קופער אַרבייט און אַזוי ווי ער איז געוועזען דער העלד פון יענער צייט צו פערנעהמען מעהר פיה און מעהר קופער און אייזען גרובען, האָבען איהם געפעהלט אַרבייטער און דאָס

תרגום עברית אשכנזית

וועט איהם טרעפען: (טז) און קין איז אוועק פון גאט'ס אנזעהן, און ער האט זיך בעזעצט אין דעם לאנד נד צו מארגען-זייט פון עדן: (יז) און קין ער־קענט זיין פרוי, און זי שוואנגערט און האט געבוירען חנוך, און ער איז געווען איין שטאדט-בויער, און ער האט גערופען דעם נאמען פון דער שטאדט ווי דעם נאמען פון זיין זוהן חנוך: (יח) און צו חנוך איז עירד געבוירען, און עירד האט געבוירען מחויאל, און מחויאל האט געבוירען מתושאל, און

התורה והדעת

הבל על קוצר ימיו, כי מת בלא עתו כדעת חז"ל (ב"ר כ"א) שחיי הבל היו אך חמשים יום. וחכמי העמים משערים שהבל נהרג בהיותו בן מאה ועשרים ושמונה שנים:

(כג) ויאמר למך לנשיו, עדה וצלה שמען קולי. הפרשה הזאת קשה להבינה מאד, וכל אחד יפרש על פי דרכו. וחז"ל דרשו על הפרשה הזאת דברים הידועים לכל. אולם נכנסת אנחנו פה לפרש את הפרשה הזאת ע"ד היותר קלה ופשוטה ואולי נתכון אל האמת. ידענו אשר עד למך היו לכל אחד רק אשה אחת, כי בניו של אדם הראשון לקחו את אביהם הראשון למשל בדבר הזה, כי הבינו אשר חפץ ה' הוא לקחת רק אשה אחת, ולמך היה הראשון אשר פרץ גדר והפר את החוק בקחתו שתי נשים, כי התחכם למך אחרי אשר ראה כי רכושו גדול מאד ויחסרו לו עבדים ושפחות לעבוד את אדמתו ולרעות את צאנו, התחכם לקחת עוד אשה אחת להוליד ממנה עבדים ושפחות, וידוע שבארצות הקדם היה החוק מלפנים אשר האשה

באור ריל"ג

האט איהם געצוואונגען צו נעהמען צוויי ווייבער, אום ער זאל געבערען ארבייטער פאר זיך. נאר לויט ווי די היסטאריקער איבערצייגען, האט פערצייטענס די ערשטע פרוי געהייסען די געזעצליכע און די בעשטימטע פון גאט אליין, מיט דעם נאמען „בת אלה", גאטס טאכטער, ווייל גאט אליין האט איהר בעשטימט פאר דעם מענשענס פרוי צו זיין. זעלבסטפערשטענדליך אז די קינדער פון די ערשטע פרוי זיינען אויך געווען קינדער וועלכע גאט האט זיי בעשטימט דאס נור זיי זאלען ירש'ענען דעם פערמעגען פון זייער פאטער, און דארום האבען זיי זיך גערופען „בני אלהים", גאטס זיהן, וואס נור זיי האט גאט בעשטימט צו זיין רייך און גליקליך לעבען. אבער די קינדער פון די צווייטע פרוי זיינען נור געווען אלס שקלאפען, דינסטען. אויך האבען זיי זיך גערופען קעבס־ווייבער. זייערע קינדער, אבוואהל זיי זיינען געבארען געווען פון דעם זעלבען פאטער, דאך זיינען זיי געווען געדריבט פון אלע רעכטע, זיי האבען נור געמוזט שווער ארבייטען ביי זייער אייגענעם פאטער און אויך עסען די ערגסטע מאכלים. ווען זיי זיינען ניט געווען געהארכזאם אדער ניט שנעל אין דער ארבייט האט זיי זייער אייגענער פאטער געשלאגען. אין די שפעטערע צייטען געפינען מיר דאס זאגאר דער גרויסער העלד יפתח הגלעדי איז פערפאלגט געווארען פון זיינע ברידער און ענטזאגט פון זיין פאטערס ירושה, ווייל ער איז אויך געווען א שקלאפען-קינד פון א צווייטע ניט-געזעצליכע פרוי. יעצט דערצעהלט אונז די תורה דעם נייעם פראגרעס פון למך'ס נייע ערפינדונג, צו וואס דער עץ הדעת, די וויסענשאפט פון זיין צייט האט געבראכט פאר דער מענשהייט אין זייער נייער קולטור עפאכע. למך'ס געזעצליכע פרוי האט געבארען צוויי זיהן, יבל און יובל.

תרגום עברית אשכנזית

מתושאל האָט געבוירען למך: (יט) דיעזער למך האָט אָבער פאַר זיך גענומען צוויי ווייבער, דער נאָמען פון איינע איז עדה, און דער נאָמען פון די צווייטע איז צילה: (כ) און עדה האָט געבוירען יבל, דיעזער איז געוועזען דער ערשטער געצעלטען-בעוואוינער און פיטערער: (כא) און זיין ברודער׳ס נאָמען איז יובל, ער איז געוועזען דער ערשטער האַרפּען און פיעדער בעגרייפער: (כב) און צילה, אויך זי האָט געבוירען דעם תובל קין, איין שלייפער פון אַלע

התורה והדעת

הראשונה היתה חברתו ואשת בריתו האמתית הקרובה אליו, והיא היתה בת זוגו מן השמים. ולכן נקראת אשת למך עדה כי עדיו תבוא, ונקראת בת אלהים, ובניה אשר תוליד אך המה היורשים בנחלת אביהם אחרי מותו, ולכן הם נקראים בני אלהים, היינו כי ההשגחה נתן אך להם אושר ועושר, וחוק שם בשמים אשר אך לעשיר נתנה הארץ, כי ידיד עליון הוא ויכנו העשירים את עצמם בשם בני אלהים, כי עד היום נשיא ארץ כתים יכונה בשם בן אלהים ובן אלהים זה יוכל לעשות מה שלבו חפץ, כי מי יאמר לבן אלהים מה תעשה, ואת עבדיו יתן העשיר ליצורים נבזים ושפלים אשר אך למענו נבראו, ועל כן לקחו בני אלהים אלה את בנות האדם המה העניים מכל אשר בחרו ביד רמה, ולמך היה הראשון אשר לקח את צלה היינו צל־לה היא פלגשו צרתה של עדה אשר אך צל היתה לה בבית. ויספר לנו הכתוב את התולדות אשר יצאו מזה לאחרונה כי בני עדה אשת חיקו היו אבי יושב אוהל ומקנה, ואבי תופש כנור ועוגב,

באור ריל״ג

יבל. למד׳ס גאָטס זוהן, איז געוועזן דער קעניג איבער די פיה און איז זיך רוהיג געזעסען אין געצעלט. יובל. זיין צווייטער געטליכער ברודער, ניט האָבענדיג וואָס צו אַרבייטען. האָט ער, אַלס צייט פערטרייב, אויסגעפונען דאָס שפּיעלען אויף אינסטרומענטען. ניט גלייך איז אָבער געוועזן תובל קין דער זוהן פון צלה, למד׳ס צווייטע דיענסטפרוי. ער איז שוין געוועזן אַ פערשקלאַפטער ארבייטער אין די קופּער און אייזען גרובענס, צו פערפערטיגען אייזען-געוועהר. וועלכע איז געווים אין יענע צייט געוועזן די שווערסטע ארבייט. זיין נאָמען תובל קין הייסט אין לשון קודש דער וואָס האָט זיך געפיהרט ווי קין. וועלכער האָט ערמאָרדעט זיין ברודער, ווייל ער איז געוועזן רייכער פון איהם, און דער תובל קין וועלכער איז געוועזן פערשקלאַפט פון זיין אייגענעם פאָטער, האָט ער מיט זיינע ניעדערגעפאַלענע ארבייטער (נפילים) געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען די אַריסטאָקראַטען, די „בני אלהים“ און זיי גערויבט. „כי מלאה הארץ חמס“. און למד׳ס נייע ערפינדונג פון נעמען צוויי ווייבער איז זעהר געפעלען געוואָרען זיינע מיט־מענשען פון זיין צייט און אויף איהם קוקענדיג האָבען אַלע „בני אלהים“, אַט די געטליכע זיהן, גענומען ווייבער וועלכע זיי האָבען נור אליין געוואָלט און האָבען שוין איבערגעכאַפּט די מאָס. און אַזוי איז אריין אין דער מאָדע די שרעקליכע שקלאַפעריי, דאָס די רייכע בני אלהים זאָלען פערשקלאַפען זייערע אייגענע קינדער, ברידער און שוועסטער, און אַט דיעזע פערשקלאַפטע האָבען זיך אין יענע צייטען גערופען „נפילים“, דאָס הייסט געפאַלענע, וועלכע זיינען געוועזן ניעדעריג און געפאַלען געגען זייערע אייגענע ברידער וועלכע זיינען לויט זייער אייגענע מיינונג געוועזן בערעכטיגט פון גאָט אליין צו זיין

תרגום עברית אשכנזית

ווערק-געצייג, פון קופער און אייזען, און תיבל קין'ס שוועסטער איז געוועזען נעמה: (כג) און למך זאגט צו זיינע ווייבער, עדה און צילה הערט מיין שטימע! למך'ס ווייבער, פארנעהמט מיין רעדע, איין מאן דערשלאג איך צו מיין וואונד, און א קינד צו מיין בייל: (כד) ווען קין איז זיעבען-פאכיג געּ רעכענט איז למך זיעבען-און-זיעבעציג פאכיג: (כה) און אדם אנערקענט נאך זיין פרוי, און זי געבערט איין זאהן און זי רופט זיין נאמען שת, דען דער

התורה והעת

ואך תוף וחליל ויין משתיהם. לא כן בן צלה הוא תובל קין הוא היה עבד לאביו ועשה את מלאכתו בנחשת וברזל בזיעת אפים, ומלמך ראו עוד עשירים וכן עשו ג"כ כמוהו ויכבשו את בנות העניים לפלגשים וילדו מהן עבדים ושפחות ויתנו להם אך לחם צר ומים לחץ בחיי אביהם העשיר ולא שום נחלה אחרי מותו, עד כי גם בדורות של יפתח הגלעדי לא היה שום נחלה לבני הפלגשים באמרם אליו אחיו לא תנחל את אבינו כי בן אשה אחרת אתה. וכאשר ראה למך שהעבדים האלה יתמרמרו על אבותיהם העשירים וירא את האחרית אשר תבא כי יקומו העבדים הבנים האלה על אבותיהם העשירים להרגם ולשלוח בחמס את כפם, כמו שיספרו לנו הכתובים האחרונים כי מלאה הארץ חמס, יען כי ראו בני האלהים את בנות האדם כי טובות הנה ולקחו להם נשים מכל אשר בחרו וילדו להם ובאחרית ראו הנפילים אשר היו בימים ההם, המה העבדים אשר נפלו ממדרגה לפני בני אביהם המה אחיהם מאשת בריתו אשתו הראשונה,

באור ריל"ג

הערשער איבער די אונגליקליכע ברידער שקלאפען. דערצעהלט אונז אבער די תורה די צוקונפט פון זייערע נאכקומענדע דורות, וואס פון זייערע קינדער וועט ווערען, האבען זיי זיך אלע פעראייניגט צו מאהנען זייערע רעכטע און מיט שווערד און בויגען האבען זיי ראכע גענומען פון זייערע געטליכע ברידער. זיי האבען זיך פערוואנדעלט פון ניעדער־ געשלאגענע נפילים און זיי זיינען געווארען די גבורים (המה הגבורים אשר מעולם אנשי השם) און פערניכטענדיג די בני אלהים האבען זיי דעם נאמען בעקומען אלס העלדען. אבער זיי זיינען שוין געגאנגען צו ווייט. דער פסוק דערצעהלט אונז, אז דארט וואו קראפט עקזיסטירט, העלפט ניט די וויסענשאפט. די נאטור פון דער חיה האט זיך צור־ רייצט אין זיי און זיי האבען גערויבט און געמארדעט רעכטס און לינקס אהן רעכענונג און אהן מענשליכע רחמנות. עס איז אזוי ווייט געקומען, דאס די ערד האט ניט געקענט דערטראגען אזעלכע מערדעריען. דאס גאט האט בעשטימט א פערניכטונג דורך וואסער אויף דעם טהייל ערד אויף וועלכע די ערשטע מענשהייט האט זיך געפונען. און פונקט אזוי ווי קין האט אויך למך חרטה בעקומען אויף זיין נייע ערפינדונג און פאר די מוטערס פון זיינע קינדער האט ער אויסגעשפראכען זיין חרטה און האט זיך פאר זיי בעקלאגט, זאגענדיג אז צו זיין וואונד און בייל, צו זיין וועהטאג און בעדויערען האט ער מיט זיינע אייגענע הענד ערמארדעט א מאן ווי אויך א קינד, דאס הייסט די ערוואק־ סענע מענשהייט ביז קליינע קינדער האט ער דורך זיינע שלעכטע מעשים דורך די פרוכט פון עץ הדעת זיי ערמארדעט. ווארום דורך רויב און מארד קען די וועלט ניט האבען קיין קיום און זי מוז פערניכטעט ווערען. קין'ען האט גאט זיעבענפאכיג געשאלטען

שְׁתֵּי נָשִׁים שֵׁם הָאַחַת עָדָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית צִלָּה׃ וַתֵּלֶד עָדָה כ
אֶת־יָבָל הוּא הָיָה אֲבִי יֹשֵׁב אֹהֶל וּמִקְנֶה׃ וְשֵׁם אָחִיו יוּבָל הוּא 21
הָיָה אֲבִי כָּל־תֹּפֵשׂ כִּנּוֹר וְעוּגָב׃ וְצִלָּה גַם־הִוא יָלְדָה אֶת־ 22
תּוּבַל קַיִן לֹטֵשׁ כָּל־חֹרֵשׁ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל וַאֲחוֹת תּוּבַל־קַיִן
נַעֲמָה׃ וַיֹּאמֶר לֶמֶךְ לְנָשָׁיו עָדָה וְצִלָּה שְׁמַעַן קוֹלִי נְשֵׁי 23
לֶמֶךְ הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי כִּי אִישׁ הָרַגְתִּי לְפִצְעִי וְיֶלֶד
לְחַבֻּרָתִי׃ כִּי שִׁבְעָתַיִם יֻקַּם־קָיִן וְלֶמֶךְ שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה׃ 24
וַיֵּדַע אָדָם עוֹד אֶת־אִשְׁתּוֹ וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ כה
שֵׁת כִּי שָׁת־לִי אֱלֹהִים זֶרַע אַחֵר תַּחַת הֶבֶל כִּי הֲרָגוֹ
קָיִן׃ וּלְשֵׁת גַּם־הוּא יֻלַּד־בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ אֱנוֹשׁ אָז 26
הוּחַל לִקְרֹא בְּשֵׁם יְהוָה׃

זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם בְּיוֹם בְּרֹא אֱלֹהִים אָדָם בִּדְמוּת א
אֱלֹהִים עָשָׂה אֹתוֹ׃ זָכָר וּנְקֵבָה בְּרָאָם וַיְבָרֶךְ אֹתָם 2
וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָם אָדָם בְּיוֹם הִבָּרְאָם׃ וַיְחִי אָדָם שְׁלֹשִׁים 3
וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בִּדְמוּתוֹ כְּצַלְמוֹ וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שֵׁת׃
וַיִּהְיוּ יְמֵי־אָדָם אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־שֵׁת שְׁמֹנֶה מֵאֹת שָׁנָה 4
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי אָדָם אֲשֶׁר־חַי תְּשַׁע ה
מֵאוֹת שָׁנָה וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־שֵׁת חָמֵשׁ 6
שָׁנִים וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־אֱנוֹשׁ׃ וַיְחִי־שֵׁת אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ 7
אֶת־אֱנוֹשׁ שֶׁבַע שָׁנִים וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים
וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־שֵׁת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת 8
שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי אֱנוֹשׁ תִּשְׁעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־קֵינָן׃ 9
וַיְחִי אֱנוֹשׁ אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־קֵינָן חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה י
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי 11
אֱנוֹשׁ חָמֵשׁ שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי קֵינָן 12
שִׁבְעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מַהֲלַלְאֵל׃ וַיְחִי קֵינָן אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ 13

תרגום עברית אשכנזית

אַלמעכטיגער האָט מיר בעשערט אַנדערע קינדער אנשטאָט הבל, דען קין האָט
איהם דערשלאָגען: (כו) און צו שת, אויך ער האָט איין זאָהן געבאָרען,
און ער האָט גערופען זיין נאָמען אנוש. דאַמאָלס האָבען אָנגעפאַנגען רופען
מיט גאָטעס נאָמען:

(א) דיעזער בוך איז דעם מענשענס געבורט, אין דעם טאָג ווען דער אַלמעכ-
טיגער האָט דעם מענשען בעשאַפען, אין דעם אַלמעכטיגענס עהנליכ-
קייט האָט ער איהם געמאַכט: (ב) מאַן און ווייב האָט ער איהם בעשאַפען,
און זיי געבענשט און גערופען זייער נאָמען. אין זייער בעשאַפונגס טאָג:
(ג) און אַלס אָדם האָט הונדערט און דרייסיג יאָהר געלעבט, האָט ער גע-
באָרען אין זיין עהנליכקייט ווי זיין בילד, און ער האָט זיין נאָמען גערופען
שת: (ד) און אָדם׳ס לעבען איז געוועזן נאָך זיין געבאָרען שת אַכט הונ-
דערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (ה) און עס זיינען
געוועזן אַלע לעבענס-יאָרען וועלכע אָדם האָט געלעבט, ניין הונדערט און
דרייסיג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (ו) און שת האָט געלעבט הונ-

התורה והדעת

ויתהפכו מנפילים להיות גבורים אנשי שם ושלחו את ידם בחמס ורצח מפני המחסור והלחץ והשפלות, ויתהפכו מאנשים לחיתו טרף עד אשר נחם ה׳ על כי עשה את האדם ויאמר אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה, ובראות למך אשר אחרית הדבר מהתחכמותו לקחת נשים על אשתו הראשונה יהיה להכרית את כל המין האנושי ויתחרט מאד על מעשהו כי ראה אשר אחרית זה פרי רעתו ויודה על חטאתו לפני נשיו ויתנצל לפניהם באמרו שמען קולי כי איש הרגתי לפצעי וילד לחבורתי, כלומר הילד הזה בן צלה אשר יוכל גם הוא להיות איש כמוני ובבני עדה, ובהתחכמותי לעשות חיל ולא ביושר כאלו הרגתי את בני כמו בידי כי בין נשים לא תחד כבודו ויהיה חלקו כחיתו טרף ואני המתיו מחברת בני האדם וארגיש פצעים בנפשי וחבורות בלבי, הן קין הרג את אחיו יקם שבעתים ואני אשר הרגתי את נפשות יוצאי חלצי וכל המין האנושי אדדה על מר שנותי שבעים ושבעה יותר רב מקין. והכתוב יורה לנו מוסר וחרטה כמו בקין והבל כאשר כתבתי למעלה. וזהו החרטה השניה אשר יצא על העולם מסבת אכילת עץ הדעת ותולדות ההתקדמות:

(א) זה ספר תולדות אדם. אלו הבנים אשר יזכיר להלן. וכל התורה נקראת ספר תולדות אדם, כי הפרשה אשר במוקדם היא אך תולדות השמים והארץ. ויש דעה במדרש שמכאן התחלת התורה, ומעשה הבל וקין אינם שייכים כי לא נתקיימו: (ג) ויקרא את שמו שת,

באור ריל״ג

פאַר זיין ערשטע ערפינדונג דורך וויסענשאַפט, אַבער למד׳ען, וועלכער האָט געמאַכט אַ בלוט-באַד מיט זיין ערפינדונג פאַר די אַלגעמיינע מענשהייט פון זיין צייט, מוז זיעבען און זיעבעציג מאָהל מעהר בעשטראָפט זיין. דיעזע ערצעהלונג איז אַ ביישפיעל פאַר די פראָגרעסיווע און רעגרעסיווע פון אונזער צייט, צו זעהן, דאָס אַזוי ווי שקלאַפע-ריי איז ניט גוט, איז די פרייע אייגענע מאַכט נאָך ערגער. די מיטעל-וועג איז די בעסטע וועג:

תרגום עברית אשכנזית

דערט און פינף יאָהר, און ער האָט געבאָרען אנוש: (ז) און שת האָט גע־לעבט נאָך זיין געבאָרען אנוש אַכט הונדערט און זיעבען יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (ח) און עס זיינען געוועזען אַלע לעבענס-יאָה־רען פון שת ניין הונדערט און צוועלף יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (ט) און אנוש האָט געלעבט ניינציג, און ער האָט געבאָרען קינן: (י) און אנוש האָט געלעבט נאָך זיין געבאָרען קינן אַכט הונדערט און פופצעהן יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (יא) און אַלע לעבענס-יאָהרען פון אנוש איז געוועזען ניין הונדערט און פינף יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (יב) און קינן האָט געלעבט זיבעציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען מהללאל: (יג) און קינן האָט געלעבט נאָך זיין געבאָרען מהללאל אַכט הונדערט און פיערציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (יד) און אַלע לעבענס-יאָהרען קינן'ס איז געוועזען ניין הונדערט און צעהן יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (טו) און מהללאל האָט געלעבט פינף און זעכציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען ירד: (טז) און מהללאל האָט געלעבט נאָך זיין געבערען ירד אַכט הונדערט און דרייסיג יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (יז) און אַלע לעבענס-יאָהרען פון מהללאל זיינען געוועזען אַכט הונדערט און פינף און ניינציג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (יח) און ירד האָט גע־לעבט הונדערט און צוויי און זעכציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען חנוך: (יט) און ירד האָט געלעבט נאָך זיין געבערען חנוך אַכט הונדערט יאָהר,

התורה והדעת

שהעולם הושתת ממנו, כמו והיו שתותיה מדכאים (ישעיה י"ט): (ד) ויהיו ימי אדם אחרי הולידו את שת. יפרוט ימיהם לפני הולידם וגם אחרי הולידם ויכלול כולם בסוף עד הדורות שאחרי המבול למען ידעו אריכת ימיהם שהדורות שאחרי האדם הראשון עדיין היו בתכלית השלמות, ועץ הדעת עדיין לא קלקל אותם כל כך, לא כן אחרי המבול אשר (לפי דעת הרמב"ן) נתקלקל האויר וימיהם הלכו הלוך וחסר: (ו) וילד את אנוש. בימיו החלו בני אדם לשפוך שיחם לפני ה'. תרגום אונקלס חלו בני אנשא לצלאה בשמא דה' אבל לפי דברי חז"ל בב"ר פ' כ"ג התחלו בני אדם בימי אנוש לעבוד עבודה זרה ואז עלה עליהם ים אוקינוס ויאבד שליש הארץ וכאשר עוד לא שבו מדרכם הרעה קרא ה' לרעב ונשתנו להם סדרי בראשית ובניהם נעשו בקופות ונעשו חולין למזיקין: (כב) ויתהלך חנוך. לפי דברי המדרש היה חנוך לפעמים צדיק ולפעמים רשע. עיין רש"י ז"ל. אבל לפי דברי הראב"ע וספורנו התחלך חנוך את האלהים להיטיב גם את זולתו: (כד) כי לקח אותו אלהים. הוא מת. וכן קח נא את נפשי. הנני לוקח ממך את מחמד עיניך ואחר כך ותמת אשתו. הספר הישר מספר לנו גדולות ונצורות אשר עשה חנוך בימי חייו כי הוא מלך על כל בני האדם וילמדם דרכי ה' וגם חכמות ומדעים, וביחוד מלאכת הכתב, החשבון, התכונה, וחלק את הישוב לשבעה אקלימים ונתן לכל אקלים דת מיוחד לפי טבע המקום ותכונתו וגם חלק את העם לשלש מפלגות, למלכים וכהנים והמון העם, וחבר ספר על עיבור השנים ומסרו לנח. ובספרות העמים נמצא ספר מיוחס לחנוך. וגם בזוהר הקדוש נזכר ספרי דחנוך. ולפי השערת המבקרים נתחבר הספר הזה בימי המכבים בעת הרדיפות והתלאות אשר מצאו את אבותינו בגלל אמונתם בהיונים והמחבר הספר הזה מנחם את הנרדפים

אֶת־מַהֲלַלְאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד
14 בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי קֵינָן עֶשֶׂר שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת
טו שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ שָׁנִים וְשִׁשִּׁים שָׁנָה
16 וַיּוֹלֶד אֶת־יָרֶד׃ וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־יֶרֶד
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
17 וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת
18 שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־יֶרֶד שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּמְאַת
19 שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־חֲנוֹךְ׃ וַיְחִי־יֶרֶד אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־חֲנוֹךְ
כ שְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־יֶרֶד
21 שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי
22 חֲנוֹךְ חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מְתוּשָׁלַח׃ וַיִּתְהַלֵּךְ
חֲנוֹךְ אֶת־הָאֱלֹהִים אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־מְתוּשֶׁלַח שְׁלֹשׁ
23 מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי חֲנוֹךְ חָמֵשׁ
24 וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה׃ וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת־
כה הָאֱלֹהִים וְאֵינֶנּוּ כִּי־לָקַח אֹתוֹ אֱלֹהִים׃ ס וַיְחִי מְתוּשֶׁלַח
26 שֶׁבַע וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־לָמֶךְ׃ וַיְחִי
מְתוּשֶׁלַח אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמוֹנִים שָׁנָה
27 וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי
מְתוּשֶׁלַח תֵּשַׁע וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס
28 וַיְחִי־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בֵּן׃
29 וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ נֹחַ לֵאמֹר זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן
ל יָדֵינוּ מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ יְהוָה׃ וַיְחִי־לֶמֶךְ אַחֲרֵי
הוֹלִידוֹ אֶת־נֹחַ חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וַחֲמֵשׁ מֵאֹת
31 שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי־לֶמֶךְ שֶׁבַע
32 וְשִׁבְעִים שָׁנָה וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְהִי־
נֹחַ בֶּן־חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת־שֵׁם אֶת־חָם
וְאֶת־יָפֶת׃

תרגום עברית אשכנזית

און ער האָט געבוירען זיהן און טעכטער: (כ) און אַלע לעבענס-יאָהרען פון ירד זיינען געוועזן ניין הונדערט און צוויי און זעכציג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (כא) און חנוך האָט געלעבט פינף און זעכציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען מתושלח: (כב) און חנוך איז זיך געגאַנגען פאַר גאָט נאָך זיין געבערען מתושלח דריי הונדערט יאָהר, און ער האָט געבאָרען זינען און טעכטער: (כג) און אַלע לעבענס-יאָהרען פון חנוך זיינען געוועזן דריי הונדערט און פינף און זעכציג יאָהר: (כד) און ער איז זיך געגאַנגען חנוך פאַר גאָט, און ער איז מעהר ניט געוועזן, דען גאָט האָט איהם צו זיך גענומען: (כה) און מתושלח האָט געלעבט הונדערט און זיבען און אַכציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען למך: (כו) און מתושלח האָט געלעבט נאָך זיין געבערען למך זיבען הונדערט און צוויי און אַכציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (כז) און אַלע מתושלח'ס לעבענס-יאָהרען זיינען געוועזן ניין הונדערט און ניין און זעכציג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (כח) און למך האָט געלעבט הונדערט און צוויי און אַכציג יאָהר, און ער האָט אַ זוהן געבאָרען: (כט) און ער האָט זיין נאָמען גערופען נח, נעמליך, דיעזער וועט אונז טרייסטען ביי אונזער טהאָן, און ביי די מיהע פון אונזער האַנד-אַרבייט פון די ערד וועלכע גאָט האָט איהר געפלוכט: (ל) און למך האָט געלעבט נאָך זיין געבערען נח פינף הונדערט און פינף און נײנציג יאָהר, און ער האָט געבאָרען זיהן און טעכטער: (לא) און אַלע לעבענס-יאָהרען פון

התורה והדעת

אשר לא יתן ה' את חסידיו לראות שחת ובמהרה ישובו לראות חיים באור פני מלכם ואלהיהם. וידידי הרב החכם רא"ח ראַזענבערג כותב כי נמצא במדרש של ד"ר יעללינעק שני מדרשים מיוחסים לחנוך, האחד בשם ספר חנוך והשני בשם חיי חנוך ותכנם ענינים נסתרים: (כט) זה ינחמנו. שם נח מכופל מן נחמה ומן מנוחה, כי לדעת רש"י ז"ל לא היה להם כלי מחרשה ונח בחכמתו הכין להם כלי מחרשה ככתוב ויחל נח איש האדמה וגו': (ד) הנפלים היו בארץ. אם אמנם שהרב מלבים ז"ל כותב כי בני אלהים המה הגבורים אשר קראו את עצמם בשם בני אלהים ונפלו משמים הלא המה לפי ספורי העמים הקדמונים בעלי המיתאָלאָגיסטים האלילים שמלכו על מדינותיהם ונשאו נשים יפות מבנות האדם ומהם עמדו גבורים אדירים כמו בספורי ראשית ממלכת מצרים ויון וכינא, כל אלה תמצא בספרי המיתאָלאָגיא וביחוד בספרי האָמירוס גבורותיהם ותאוותיהם לבנות האדם ובניהם אשר ילדו להם הנקראים בני אלים. ותורתנו מספרת לנו התחלת המיתאָלאָגיא לדעת כי הכל שקר וכזב וכי אך המה גבורים ואנשי שם ולא בני אלהים. ולפי ע"ד אין לנו כל חלק בספורי העמים אפילו ברמז ותורתנו הקדושה לא תתן מקום לה אם לא אזהרה אך לא בדרך ספור, כי כל המיתאָלאָגיא זרה לישראל ויותר טוב כפי אשר כתבנו למעלה מי המה בני אלהים ומי המה הנפילים: והיו ימיו מאה ועשרים שנה. כי הזנות ממעטת שנותיו של אדם: (ו) ויתעצב על לבו. אל לבו של אדם. התעצב על בחירתו של אדם אשר היה בכח עץ הדעת ובבחירתו החפשית הרס את הבנין עד שהוצרך היוצר לבנותו מחדש: (ז) מאדם עד בהמה. כי בני האדם למ"ו גם את הבהמות להשחית את דרכם:

חסלת פרשת בראשית

א וַיְהִי כִּי־הֵחֵל הָאָדָם לָרֹב עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וּבָנוֹת יֻלְּדוּ
לָהֶם׃ וַיִּרְאוּ בְנֵי־הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טֹבֹת הֵנָּה 2
וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־ 3
יָדוֹן רוּחִי בָאָדָם לְעֹלָם בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר וְהָיוּ יָמָיו מֵאָה
וְעֶשְׂרִים שָׁנָה׃ הַנְּפִלִים הָיוּ בָאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵם וְגַם אַחֲרֵי־ 4
כֵן אֲשֶׁר יָבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים אֶל־בְּנוֹת הָאָדָם וְיָלְדוּ לָהֶם
הֵמָּה הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר מֵעוֹלָם אַנְשֵׁי הַשֵּׁם׃
ה וַיַּרְא יְהוָה כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ וְכָל־יֵצֶר
מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל־הַיּוֹם׃ וַיִּנָּחֶם יְהוָה כִּי־עָשָׂה 6
אֶת־הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל־לִבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶמְחֶה 7
אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר־בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם עַד־
בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם׃
וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה׃ 8

תרגום עברית אשכנזית

למך זיינען געוועזן זיבען הונדערט און זיעבען און זיעבציג יאָהר, און ער איז געשטאָרבען: (לב) און נח איז געוועזן פינף הונדערט יאָהר אַלט, און נח האָט געבאָרען שם, חם און יפת:

(א) און אַלס די מענער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו פערמעהרען אויף די ערד, און צו זיי זיינען טעכטער געבאָרען: (ב) און די געטליכע מענשען האָבען געזעהן די טעכטער פון די געמיינע מענשען דאָס זיי זיינען גוט פאַר זיי, און זיי האָבען גענומען ווייבער פון אַלע וועלכע זיי האָבען געוואָלט: (ג) און גאָט זאָגט, ניט אייביג וועט מיין גייסט שטרייטען איבער דעם מענשען, דען קוים האָט ער זיך איבערגעגעבען צום פלייש (צו ווייבערטהום) וועט דאָך שוין דאָס מעהרסטע זיינע יאָהרען זיין אַלס הונדערט און צוואַנציג יאָהר: (ד) די געפאַלענע אָרעמע זיינען דאמאָלסט געוועזן אויף די ערד, און אזוי איז אויך געוועזן נאַכהער, דאָס עס זיינען געקומען די געטליכע מענשען-קינדער צו די טעכטער פון די געמיינע מענשען אום צו געבאָרען פאַר זיי. אָבער די זעלבע זיינען געוואָרען העלדען פון אימער וועלכע האָבען אַ נאָמען ערוואָר־וואָרבען: (ה) און גאָט האָט געזעהן דאָס עס איז גרויס דאָס שלעכטעס פון דער מענשהייט אויף די ערד, און דער שלעכטער ווילען פון זיין הערצענס-געדאַנק איז טאָג-טעגליך נאָר בייזעס: (ו) און גאָט האָט חרטה וואָס ער האָט דעם מענשען אויף דער ערד געמאַכט און ער האָט פערדרוס אין זיין האַרצען:

נֹחַ

אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו 9
אֶת־הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ׃ וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־ י
שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת׃ וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים 11
וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה 12
נִשְׁחָתָה כִּי־הִשְׁחִית כָּל־בָּשָׂר אֶת־דַּרְכּוֹ עַל־הָאָרֶץ׃ ס
וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְנֹחַ קֵץ כָּל־בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי־מָלְאָה 13
הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם אֶת־הָאָרֶץ׃ עֲשֵׂה 14
לְךָ תֵּבַת עֲצֵי־גֹפֶר קִנִּים תַּעֲשֶׂה אֶת־הַתֵּבָה וְכָפַרְתָּ אֹתָהּ
מִבַּיִת וּמִחוּץ בַּכֹּפֶר׃ וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה אֹתָהּ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת טו
אַמָּה אֹרֶךְ הַתֵּבָה חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
קוֹמָתָהּ׃ צֹהַר ׀ תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל־אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה 16
וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים
תַּעֲשֶׂהָ׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵבִיא אֶת־הַמַּבּוּל מַיִם עַל־הָאָרֶץ 17

תרגום עברית אשכנזית

(ז) און גאָט זאָגט, איך וועל דעם מענשען דעם וואָס איך האָב בעשאַפען, פערניכטען פון דער ערד, פון מענשען ביז פיה, ביז קריכענדע און ביז די פייגעלעך פון הימעל, דען איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט: (ח) אָבער נח האָט געפונען גענאַדע אין גאָטס אויגען:

נח

נח. (ט) דיעזע זיינען נח'ס געבורט. נח איז געוועזן אַ גערעכטער פאָלקאָמער מאַן, מיט געטליכקייט איז נח געגאַנגען: (י) און נח האָט געבאָרען דריי זיהן, שם, חם און יפת: (יא) און די ערד האָט פאַרדאָרבען פאַר גאָט, און די ערד איז איבערפולט געוואָרען מיט גוואַלד־טהאַטען: (יב) און אַלס

באור ריל"ג

נח. פיעלע פון די געלעהרטע זאָגען דאָס די געשיכטע פון דעם מבול האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער זינד פון דער מענשהייט פון יענער צייט. אַ טהייל בע־הויפּטען דאָס דער מבול איז געוועזן נאַטירליך, ווייל די ערד איז נאָך יונג געוועזן און נאַטירליך האָט אויסגעבראָכען דער מבול. אַנדערע בעהויפּטען, דאָס די ערד־דעק איז

לְשַׁחֵת כָּל־בָּשָׂר אֲשֶׁר־בּוֹ רוּחַ חַיִּים מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם כֹּל
18 אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ יִגְוָע׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּךְ וּבָאתָ אֶל־
19 הַתֵּבָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּנְשֵׁי־בָנֶיךָ אִתָּךְ׃ וּמִכָּל־הָחַי
מִכָּל־בָּשָׂר שְׁנַיִם מִכֹּל תָּבִיא אֶל־הַתֵּבָה לְהַחֲיֹת אִתָּךְ
כ זָכָר וּנְקֵבָה יִהְיוּ׃ מֵהָעוֹף לְמִינֵהוּ וּמִן־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ
מִכֹּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ שְׁנַיִם מִכֹּל יָבֹאוּ אֵלֶיךָ
21 לְהַחֲיוֹת׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ
22 אֵלֶיךָ וְהָיָה לְךָ וְלָהֶם לְאָכְלָה׃ וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה
אֹתוֹ אֱלֹהִים כֵּן עָשָׂה׃

באור ריל״ג

ארונטערגעפאלען אין אבגרונד איבער נאך ניט גענוג שטארקייט פון דער ערד. א טהייל זאגען דאס דער מבול האט געמוזט אויסברעכען אום אויסצובעסערען די ערד און פאר די נויטווענדיגקייט פון איהרע בעזיצער. אמת אז מיר קענען די וויסענשאפט ניט אבלייקענען און זאגען דאס נח איז ניט געווען קיין אסטראנאם וועלכער האט פאר־אויס געזעהן דעם מבול, זא ווי דער תלמוד זאגט אויך דאס הונדערט און צוואנציג יאהר האט ער זיין שיף געבויט. די וויסענשאפט האט נח א נאמען געבען אליבאמא און ראטא, וואס דאס בעדייטעט הימעל און זון. און בירוסו הכשדי Berosus איינער פון אלכסנדר מוקדון'ס גרעסטע היסטארישע שרייבער שרייבט אויך דאס נח איז געווען אן אסטראנאם. ווי אויך יאזעפוס פלאוויוס און דער מאור עינים און מעהרערע וועלכע בעשטעטיגען דאס דער גאנצער דור המבול זיינען געווען אסטראנאמען און לעבענדיג בענויע טויזענד יאהר האבען זיי דיעזע חכמה מעהר ערפאהרען *). און דער

*) פיעל דענקער זאגען דאס די פיעלע יאהרען וואס מענשען האבען געלעבט פאר דעם מבול נאהענט צו טויזענד יאהר זיינען ניט געווען די יאהרען ווי מיר רעכענען 365 טעג אין א יאהר, זאנדערען זיי האבען דאן גערעכענט צו צוויי אדער דריי מאנאט פאר א יאהר, און פיליכט גאר צו איין מאנאט. אויך דער דענקער הופלאנד Hufland Makrobiotik B. 1. זאגט אויך דאס זעלבע. און נאך די בעווייזע פון דיאדארום Diadorus B. 1-7 C 48 זיינען געווען די יאהרען פון די רעשטע עגיפטער (מצרים) ניט מעהר ווי מאנאטען, א מאנאט האט געהייסען א יאהר. און אין דעם דברי הימים (קראניק) איז דייטליך געשריבען דאס זייערע קעניגע האבען רעגיערט יעדערער כמעט 1200 יאהר, און איידער קעניגע זיינען געווען אין מצרים האבען זייערע געטער רעגיערט ביז 34,201 יאהר. און פון דעם קעניג מענעס ביז נעקטאנאבום האבען זיי געהערשט 2324 יאהר און דער לעצטער האט געלעבט אין איין צייט מיט אחשורוש מלך פרס. און אויך דער דענקער דיאדארום שרייבט אויך דאס זעלבע. אבער די פיעלע יאהרען וואס אונזער תורה שרייבט זיינען די יאהרען פון פאר דעם מבול געווען דאס זעלבע ווי מיר רעכענען יעצט, גאנצע פולע יאהרען. די בעווייזע שטימען מיט די פסוקים פון פרשת נח ווי פאלגט: „בשנת שש מאות שנה לחיי נח בחדש השני בשבעה עשר יום לחדש נבקעו וגו' ותנח התבה בחדש השביעי בשבעה עשר יום לחדש על הרי אררט. והמים היו הלוך וחסור עד החדש העשירי וגו'. ויהי באחת ושש מאות שנה בראשון באחד לחדש חרבו המים“. דאס אלעס איבערצייגט אז די יאהרען זיינען ריכטיגע געווען ווי מיר רעכענען. מעגליך אז דעמאלט איז די לופט געווען א בעסערע, און דער עקאנאמישער לעבען האט קיין קאמפף ניט געברויכט און דער עץ הדעת האט ניט אזוי פיעל מקצר געווען דעם מענשענס לעבען ווי אין די שפעטערע צייטען.

תרגום עברית אשכנזית

גאָט האָט געזעהן דאָס די ערד איז פאַרדאָרבען, דען אַלעס וואָס פלייש איז
האָבען פאַרדאָרבען זייערע זיטען אויף דער ערד: (יג) דאָ זאָגט דער אַל-
מעכטיגער צו נח: אַן עקעל פון אַלעס וואָס פלייש איז, איז פאַר מיר געקומען,
דען די ערד איז פול מיט געוואַלד-טהאַטען דורך זיי, דאַרום וועל איך זיי פאַר-
דאַרבען מיט די ערד: (יד) מאַך פאַר דיר אַן אַרכע (אַזאַ שיף) פון גופר
האָלץ, מיט קאַמערען זאָלסטו מאַכען די אַרכע, און באַפעך איהר אינוויינינג
און אויסערען מיט פעך: (טו) און אַזוי זאָלסט דו איהר מאַכען: דריי הונ-
דערט איילען די לענג פון די אַרכע, פופציג איילען איהר ברייט און דרייסיג
איילען איהר הויך: (טז) אַ ליכט-עפענונג זאָלסטו צום אַרכע מאַכען, און
ביז איין אייל פון אויבען זאָלסט דו איהר פאַרענדיגען, און די טהיר פון אַרכע
זאָלסט דו אין דער זייט מאַכען, אונטערשטען שטאָק, צווייטען שטאָק און

התורה והדעת

(ט) אלה תולדות נח. הכתוב מפרש דרך היסטוריא שמשלשת בניו שהכנים אל התבה עלו
לשבעים אומות כדכתיב מאלה נפרדו (הרשב"ם בפרשת וישב): איש צדיק. במעשיו.
תמים בלבו. בדורותיו. בדור של המבול ובדורות שלאחריו, כי נח חי עד שהיה אברהם בן נ"ח
שנה (ראב"ע): (י) את שם ואת חם ואת יפת. מפני חשיבותו של שם מזכירו בראשונה
אם אמנם שהיה יפת הגדול מכלם כמו שנאמר אחי יפת הגדול: (יא) ותשחת הארץ. אנשי
הארץ, כמו וכל הארץ באו וגו': (יג) קץ כל בשר. הלא אף בלא מבול יבוא קץ לימי חייהם
והלא במין נשארו גם אחר המבול ומה שייך לומר קץ, אלא שמלת קץ מהוראת קוץ גיעול ומאוס
כמו קצתי בחיי, כלומר מאוסת כל בשר בא לפני: כי מלאה הארץ חמס מפניהם. מפני האדם
היינו עבור האדם. כי לא חרשו ולא זרעו ולא היה לבהמה ולחיות ביתיות מה לאכול ונעשו

באור ריל"ג

גרויסער פיניקער (כנעני) דענקער סנחוניתון Sanchuniathon וועלכער האָט גע-
לעבט אין גדעון השופט'ס צייטען, און דער אַלטער גריכישער דענקער העסיאָדוס
Hesiodus Theogan V.154 (182) רופט נח'ן מיט זיין זוהן חם מיט די נעמען פון די אַפּאַ-
נעטען סאַטורן און יופיטער. אַנדערע רופען חם מיט דעם נאָמען אילים (דאָס איז
דאָס זעלבע וואָס סאַטורן) און נח'ן מיט דעם נאָמען אוראַנוס, וועלכער איז דער פאָטער
פון סאַטורן, און דער הויפט גאָט ביי די אַלטע פעלקער. דורך דעם דענקער און אַסט-
ראָנאָם הערשעל איז דער פלאַנעט אין דעם יאָהר 1781 אויסגערעכענט געוואָרען זיין
ווייטקייט און גרעסערקייט פון דער ערד, און אין וויפיעל יאָהר ער רינגעלט אַרום
ז"י זון. ראה החשבון במלים המלאכותיות להחכם ריב"ל. און דאָס מעהרערע איבער נח'ס
אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט קען דער לעזער געפינען אין אייזיביוס ווערקע Prop.
Erop ספר א, פרק ז, און אויך אין די ווערק פון גרויסען געלהרטען באַכאַרט
Bachart. זיי אַלע איבערצייגען דאָס נח איז ווירקליך געווען אַ גרויסער
תוכן, אָבער דאָס אַלעס קען ניעמאַלס אָבשוואַכען אונזער הייליגע תורה, אַז איבער
דער פערדאָרבענקייט פון די מעשען איז דער מבול געקומען, אַזוי ווי מיר קענען ניט
ביליג מאַכען די הייליגקייט פון אברהם אָבינו אויף וועלכען די חז"ל זאָגען אַז אויך
אברהם אָבינו איז געווען אַ גרויסער אַסטראָנאָם. „איצטגנינות גדולה היתה לאברהם

תרגום עברית אשכנזית

דריטען שטאק זאלסטו דו איהר מאכען: (יז) און איך וועל ברייגגען א וואַ־סער־פאַרפלייצונג אויף דער ערד, צו פערדאַרבען אלעס וואס פלייש איז, אלעס וואס אין איהם איז לעבענס גייסט פון אונטער דעם הימעל, אלעס וואס איז אויף דער ערד זאל פאַרגעהן: (יח) און איך וועל פעסטשטעלען מיין בונד מיט דיר, און דו זאלסט אין די אַרכע קומען, דו און דיינע זיהן, און דיין פרוי, און דיינע זיהנס ווייבער מיט דיר: (יט) און פון אלע לעבעדיגע און פון אלעס וואס פלייש איז צו צוויי פון אלע זאלסטו דו ברייגגען אין ארכע צו ער־האלטען מיט דיר, זיי זאלען זיין צו מאַן און ווייב: (כ) פון אלערליי פייגעל און פון אלערליי פיהע און פון אלערליי ווערים פון דער ערד צו צוויי פון יעדע זאלען קומען צו דיר זיך צו ערהאלטען:

התורה והדעת

גם המה חומסים: (טז) צהר. מקום שיכנס האויר והוא מגזרת צהרים: לשחת כל בשר. לשחת ולא לכלות בכליון גמור כי אין דבר בטבע שיאבד וילך לבטלה שגם הפגרים והצמחים הנרקבים יתפרדו ליסודותיהם וישובו לתועלת חיי האדמה שמהן תשמן הארץ ויתהווה מזון לצמחים והחלקים המימיים והאויריים ישובו להאויר הכללי ואחרי גלגולים שונים ישובו לתועלת. והגם שהבשר יושחת אך לא מתחת השמים כי יהיו לתועלת רוח החיים תחת קערורית גלגל הירח: (יט) תביא אל התבה. ולהלן הוא אומר יבאו אליך להחיות, יבאו בעצמם, שידוע שכל בהמה וחיה ועוף מרגישים יותר מן האדם כל סער וסופה,גשם וכל שנויי הטבע. המה הרגישו שיבא מבול ולא מצאו מפלט יותר טוב כי אם בתבה ובאו כולם בעצמם והיה צר מלהכיל את כלם ולקח נח רק שנים שנים להחיות המין כפי אשר צוה ה' אותו:

התורה והדעת

אבינו", השותפין ט"ז ע"ב, עיין בסדור ההיסטורי שלי בשם „בית יהודה" דפוס ווילנא ודפוס העתון „מארגען זשורנאל" באמריקה, דען דער פסוק זאגט „ואני הנני מביא מבול", איך גאט וועל ברענגען דעם מבול, און ניט די ערד וועט פון זיך זעלבסט איינ־פאלען אין אבגרונד, זאנדערען „על הארץ", אויף דער ערד, און ווייטער שטעהט "נפתחו ארבות השמים", און די וועלכע זאגען אז דער מבול איז פאר די נוצבארקייט פון די בעוואהנער פון די ערד, איז גראדע פערקעהרט, „לשחת כל בשר". ראה בדברי הרה"ג מלבי"ם על הפסוק הזה. אלזא איז דאס בעשטימט אז דער מבול איז ניט געווען קיין נאטירליכער, און ניט דורך א פלאנעט, ווייל ביידע צוזאמען, די הימעל מיט די ערד, האבען אין איין צייט זיך געעפענט, „נבקעו תהום רבה וארבות השמים נפתחו", און אין איין מאמענט איז נאטירליכערווייזע קענען זיך ניט צוזאמענריידען די הימעל און ערד אדער צוויי פלאנעטען צוזאמען צו ברייגגען דעם מבול. איז דאס בעשטימט געווען געטליך און ניט נאטירליך. און דאס וואס די וויסענשאפט איבערצייט, אז דער מבול איז ניט געווען אויף דעם גאנצען ערד־קוגעל, זאגען די חז"ל אויך דאס זעלבע. צב"ש אין בראשית רבה אויף דעם פסוק „וכל אשר בחרבה מתו", אז אלעס וואס אויף דער טרוקעניש זיינען געטויטעט געווארען, אבער ניט פיש, וועלכע האבען דערשפירט די היים־קאכיגע וואסער פון די ערד־קוואלען זיינען זיי אנטלאפען אין ים אוקינוס.